A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

אידישע ארגאניזאציע נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען

VOLUME VII No 2853 Toronto, Thursday December 9 1920 — כ"ח כסלו פרשה מקץ תרפ"א — טאראנטא, דאנערשטאג, דעם 9-טען דעצעמבער, 1920 — PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

אלייאירטע ארמיי גרייט צו פארנעהמען ווילנא

נאציאנען ליגע קאמיסיע האט שוין פארענדיגט איהר ארבייט אין ווילנא

פיינדליכע ארמייען ווערען צולאזט. — קאמיסיע האט אפגעגעבען איהר רעפארט צו דער ליגע אין זשענעווא. — פוילען ווייזט צוריק ענגלאנד'ס פארשלאג וועגען שטימען אין שלעזיען.

ווארשא, דעצעמבער, 8. — די נאציאנען ליגע קאמיסיע וואס האט געטראגען די אויפגאבע צו זיין די פארמיטלערין אין דעם סכסוך צווישען דער ליטווישער רעגיערונג פון קאוונא און דעם פוילישען גענעראל זעליגובסקי, וואס האט פארכאפט די שטאדט ווילנא איז היינט אהער אנגעקומען נאכדעם ווי זי האט כמעט פארענדיגט איהר גאנצע ארבייט.

די קאמיסיע האט אויסגעארבייט אלע איינצעלהייטען וועגען דער וואפען-שטילשטאנד צווישען די פיינדליכע ארמייען.

אויך האבען די ביידע רעגירונגען שוין אנגעפאנגען זיך איבערביטען מיט די געפאנגענע. אנשטאט דעם וואס ביידע האבען געהאלטען אין רעקרוטירען נייע ארמייען ווערען די סאלדאטען איצט צולאזען. פריהער האט מען זיך געריכט אויף א לאנגער מלחמה. אבער איצט ווערט שוין צוריק איינגעשטעלט דאס ציווילע לעבען.

די קאמיסיע האט ארויסגעשיקט איהר רעפארט קיין זשענעווא צו דער נאציאנען ליגע מיט אלע איהרע רעקאמענדאציעס וועגען שליסען זאכען וואס זי האט אויסגעפונען זויעריג אין ווילנא.

די קאמיסיע וועט דא פארבלייבען אויף א וואך צייט ווארטענדיג אויף ווייטערע אינסטרוקציעס פון זשענעווא. און וועט דא אויך האלטען קאנפערענצען אין באציג צו דער ווילנאר לאגע.

די אלייאירטע ארמיי, וואס ווערט געשיקט נאך ווילנא אונטער דער אויפזיכט פון דער נאציאנען ליגע ווערט איצט צונויפגעזאמעלט, אבער עס איז נאך ניט באשטימט געווארען ווען די ארמיי וועט ארייןמארשירען אין ווילנא.

פוילען פאלגט ניט ענגלאנד'ס באשלוס

ווארשא, דעצעמבער, 8. — די פוילישע רעגיערונג האט צוריקגעוויזען דעם באשלוס פון דער ענגלישער רעגיערונג וואס האט געלויטעט, אז געוועזענע איינוואוינער פון אויבער שלעזיען, וואס געפינען זיך איצט אין דייטשלאנד זאלען האבען א רעכט צו באטייליגען זיך אין דעם אפשטימען צי אויבער שלעזיען זאל געהערען צו דייטשלאנד אדער צו פוילען.

די פוילישע רעגיערונג, ענטפערענדיג אויף ענגלאנד'ס פארשלאג וואס איז געשיקט געווארען צום אמבאסאדארען ראט, באהויפטעט אז לאזענדיג שטימען אין דייטשלאנד וועלען געמאכט ווערען שווינדלען. פוילען באהויפטעט, אויב יענע מענשען האבען איבערהויפט א רעכט צו שטימען, זאלען זיי קומען נאך שלעזיען.

העצען געגען דייטשלאנד

די הינע צייטונגען העצען געגען דייטשלאנד דערציילענדיג מעשיות דאס עס איז אויסגעפונען געווארען א קאנספיראציע אז דרייסיג טויזענט דייטשע באוואפנטע סאלדאטען שטעהען גרייט צו מאכען אן איבערפאל אין פאל דער פלעביסציט זאל אפשטימען געגען דייטשלאנד.

נייע רעגיערונג פאר מעסאפאטאמיען

לאנדאן, דעצעמבער, 8. — אנדרו באנאר לאא האט אנאנסירט אין הויז פון קאמאנס דאס עס איז באשטימט געווארען א נייע סארט רעגיערונג פאר מעסאפאטאמיען. באנאר לאא האט געזאגט אז אין דער צייט, וואס עס ווערען אויסגעארבייט די פונקציאנען ווי אזוי אויסצוהאלטען א פארלאמענט זאל די אראבישע באפעלקערונג פון מעסאפאטאמיען רעגירט ווערען פון אן אראבישער רעגיערונג.

דער פלאן איז דאס די צייטווייליגע רעגיערונג זאל באשטעהען פון שטאאטס ראט, וואס זאל ענטהאלטען די פראמינענטסטע פארשטעהער פון די אראבער, מיט אן ענגלישען הויכקאמישאנער וועלכער זאל פארנעהמען דעם אמט פון פרעזידענט פון ראט. דער הויכקאמישאנער זאל זיין סער פערסי קאקס.

באנאר לאא האט אויך ערקלערט דאס עס איז איבערגעגעבען געווארען צום הויפט פארשטעהער פון פארבאנד צונויפצושטעלען דעם שטאאטס ראט וואס זאל באשטעהן פון אכצעהן מיטגלידער.

עס וועלען באשטימט ווערען פאלגענדע אכט מיניסטער שטעלעס: פינאנץ, אינערן, יוסטיץ, רעליגיע, בילדונג, הערפענס, פאלקס ארבייטען און האנדעל. עס איז אויך ארייגענומען געווארען איינער פון די גענעראלען פון עמיר פעיזאל'ס ארמיי, און א פאר פראמינענטע אדוואקאטען און סוחרים פון באגדאד, מעקא, באסרא און מאסיל.

אנגעקומענע שיפען

פינלאנד, פון אנטווערפען אין ניו יארק.

לא לארעין פון האוור אין ניו יארק.

גאליציאנער פארבאנד פייערט 70 יאהריגען געבורטסטאג פון דר. יוסף שמואל בלאך

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל".)

ניו יארק, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — דער ניו יארקער פארבאנד פון די גאליציאנער אידען האט אויף נעהמען א רייכען אופן געפייערט דעם זיבעציג יאהריגען געבורטסטאג פון דר. יוסף שמואל בלאך פון גאליציען, וועלכער געפינט זיך איצט אין ניו יארק פאר דעם צוועק צו שאפען הילף פאר די גאליציאנער אידען.

צו דער דאזיגער געלעגענהייט איז פארבארייט געווארען א רייכער באנקעט. עס זענען אנוועזענד געוועזען איבער 150 געסט, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען א סך פערזענליכע פריינט און פארעהרער. עס זענען אויך אנוועזענד געוועזען פון די פראמינענטסטע ניו יארקער אידען.

דער קעמפער געגען אנטיסעמיטיזם

אלע רעדנער האבען זיך אפגעשטעלט אויף דער גרויסער קאריערע פון דר. בלאך אלס באקעמפער פון אנטיסעמיטיזם. עס איז אנגעוויזען געווארען אויף דער אומגעהויער וויכטיגער ארבייט וואס דער יובילאר האט אויפגעטון מיט זיין צייטונג „עסטרייכישע וואכענשריפט" וואס ער האט געגרינדעט אין יאהר 1883 ווען דער אנטיסעמיטיזם האט אין עסטרייך דערגרייכט צו אזא פונקט, ווען שווייגען איז געווען א געפאהר פאר דער אידישער עקזיסטענץ.

דר. בלאך איז געבוירען געווארען אין דעם קליינעם גאליציאנער שטעדטעל דוקלא, אין יאהר 1850 דעם 20-טען נאוועמבער.

אונטערזוכונג וועגען מארטענס שוין צו ענדע

וואשינגטאן, דעצעמבער, 8. — דער פארהער וועגען ארויסשיקען פון לאנד לודוויג סי. א. ק. מארטענס, דעם באלשעוויסטישען אמבאסאדאר צו די פאראייניגטע שטאאטען האט זיך געענדיגט. עס זענען ארייגעגעבען געווארען געשריבענע ארגומענטען צו סעקרעטערי ווילסאן, פארשטעהער פון ארבייטס דעפארטמענט און עס ווערט ערווארטעט אין איניגע טעג ארום זאל ארויסגעגעבען ווערען אן אורטייל וועגען מארטענס שיקזאל.

די קלאגע אויף ארויסשיקען איהם האט געבראכט דער „סטייט דעפארטמענט". דער לאיער פון דעם דעפארטמענט האט באהויפטעט, דאס מארטענס געפינט זיך אין לאנד אומגעזעצליך און אז ער האט זיך באטייליגט אין דער באוועגונג פון די רוסישע קאמוניסטישע פארטייען וואס באצוועקען מיט געוואלט אומצואווארפען די אמעריקאנער רעגיערונג.

דער לאיער פאר מארטענס ווידער האט אפגעלייקענט די באשולדיגונגען און ערקלעהרט, דאס מארטענס געפינט זיך אין לאנד אויף א דיפלאמאטישע מיסיע פון א פרעמדער רעגיערונג און אז ער איז דארום פאלשטענדיג געזעצליך דא אין לאנד.

טאראנטאר שניידער ווילען ניט ארונטערלאזען פון די שכירות

ביי א ריזיגען מאסמיטינג פון די טאראנטאר שניידער וואס איז אפגעהאלטען געווארען נעכטען ביינאכט אין נעשאטעל טהעאטער, איז אנגענומען געווארען א באשלוס אז די ארבייטער „סקייל און ווידזשעס" קאן ניט פארקלענערט ווערען.

דער נעכטיגער מיטינג האט געדארפט ענטפערען אויף א פארלאנג וואס די באלעבאטים האבען ארויסגעשיקט צו דער יוניאן, צו פארקלענערן די שכירות מיט ווי זיי האבען עקזיסטירט אין פארגאנגענעם יאהר, און דער ענטפער איז געווען אן איינשטימיגער „ניין".

דער מיטינג האט אויך אנגענומען א רעזאלוציע צו שטיצען מאראליש און פינאנציעל די ניו יארקער שניידער.

וויניפעגער ארבייטער האבען פארלוירען

וויניפעג, דעצעמבער, 8. — דער רעזולטאט פון די מוניציפאלע וואהלען האט פארקלענערט די ארבייטער פארטיי אין סיטי קאונסיל. לעצטען יאהר זענען פון די פערצעהן אלדערמען געוועזען זיבען ארבייטער און זיבען פון אנדערע פארטייען. היינטיגעס יאהר וועט די צאהל אלדערמען זיין אכצעהן אבער בלויז זעקס וועלען זיין ארבייטער. אין דער באארד אוו עדיוקיישאן איז לעצטען יאהר געווען איין פארשטעהער, היינטיגעס יאהר איז פארהאנען פיער.

סברא אז ארעסטירטע ארבייטער פיהרער וועלען באפרייט ווערען

עס איז דא נעכטען אנאנסירט געווארען דאס עס איז פאראהאנען א מעגליכקייט דאס די ארבייטער פיהרער רעוו. וויליאם איווענס, דזשאהן קווין און דזשארדזש ארמסטראנג, וואס זענען פאראורטיילט געווארען צו זיצען צו יאהר אין געפענגניש צוליעב דעם לעצטען סטרייק, וועלען גיכען באפרייט ווערען און זיי וועלען נאך האבען די געלעגענהייט אנוועזענד צו זיין ביי די לעצטע זיצונגען פון דער איצטיגער סעסיע פון דעם מאניטאבא פארלאמענט, צו וועלכען זיי זענען ערוועהלט געווארען אין די לעצטע וואהלען.

א חנוכה מתנה פאר אייערע קינדער

האט איהר שוין געגעבען א מתנה אייערע קינדער היינטיגען חנוכה, ווילט איהר וויסען די שענסטע און ווערטפולסטע מתנה וואס איהר קאנט זיי געבען? דאן פאלגט די עצה פון Banker מר. ווינבערג און גיט זיי א שעהנע קליינע סייף צו שפארען סענטען-ווייז און אנזאמלען עטליכע דאלאר אויף עפעס א נוצליכער זאך.

איהר באקומט דיזע מתנה אומזיסט. איהר דארפט בלויז עפענען אן אקאונט מיט אן איינציגען דאלאר. און איהר באקומט א שעהנע מתנה פאר אייערע קינדער.

הונגעריגע עקס-סאלדאטען אנטזאגען זיך צו זינגען די נאציאנאלע הימנע

דריי טויזענט געוועזענע סאלדאטען דעמאנסטרירען נעבען פארלאמענט און סיטי האל. — פארלאנגען עסען. — שרייען ניט א רייטש. — פארלאנגען מאמענטאנע הילף אהן קאמיטעען און אהן באראטונגען.

א מאסע פון דריי טויזענט געוועזענע סאלדאטען פון וועלכע א סך האבען שוין זינט צוויי טעג ניט געגעסען, האבען געהאלטען פאר מיטאג באלאגערט דעם פראווינציעלען פארלאמענט און דערנאך דעם סיטי האל, פארלאנגענדיג צו געבען זיי שנעלע הילף און מעגליך מאכען פאר זיי צו קויפען עסען פאר זיך און די פאמיליע. די פראווינציעלע באאמטע מיט ארבייטס מיניסטער האנ. וואלטער ראלא, האבען צוגעזאגט די סאלדאטען צו שאפען הילף אזוי שנעל ווי מעגליך.

„עסען מוז מען איינמאל אלע אומשטענדען", זאגט דער פיהרער.

מר. העררי פלין, דער פיהרער פון די סאלדאטען האט געהאלטען א רעדע פאר די דעמאנסטראנטען און געווארנט די פראווינציעלע און מוניציפאלע רעגיערונג צו זעהען שאפען פאר די 9 טויזענט ארבייטסלאזע עקס-סאלדאטען עפעס א שטיקעל באשעפטיגונג צו האבען מיט וואס צו דערנעהרען זיך.

„די סאלדאטען זוכען ניט קיין צדקה, זיי ווילען ארבייט, כדי צו קאנען קויפען עסען, אבער זיי וועלען מוזען עסען צי יא ארבייט צי ניט קיין ארבייט", האט מר. פלין געזאגט.

ווען דער רעדנער האט געבעטען די דעמאנסטראנטען צו זינגען „גאד סייוו די קינג", האבען זיי זיך אפגעזאגט. מר. פלין האט נאכהער געמוזט זיך פארענטפערן אז הונגעריגע מאגענס קאן מען מיט זינגען ניט אנפילען.

העכסט אנגעצויגענע שטימונג

טראצדעם האט די דעמאנסטראציע פון, גענומען אלס גאנצע, געווען א ... האט צווישען דער מחנה געהערשט אזא אנגעצויגענע שטימונג, אז עס איז געווען גענוג דער מינדסטער אינצידענט וואס זאל ארויסרופען גרויסע אויפרעגונג. נאר א סך מאל האבען זיך געהערט „מיין" און אויספייפעריען דערמאנענדיג געוויסע שטאדט באאמטע אדער זייערע האנדלונגען.

ביי א גאנץ קריטישער לאגע האט עס געהאלטען, ווען אין מיטען פון זיין רעדע אויף די סיטי האל טרעפ, האט מר. פלין אנווייזענדיג אויף דעם, וואס די קאנטראלערס טוען גאר ניט פאר די סאלדאטען, אויסגערופען: „זיי האבען שוין היינט געגעסען זייער פריהשטאק". און קאנטראלער גיבאנס האט זיך אנגערופען מיט א ווארט צום רעדנער: „האט איהר שוין געגעסען?" אין דער זעלבער מינוט האבען זיך דערהערט שטימען: „ווער איז דאס? וואו איז ער?" אין א מהומה האט זיך געלאזט צום פלאץ פון וואנעט דאס קול איז געקומען.

(פארזעצונג אויף זייטע 2)

מען טרייבט פון קענעדע בעטען זיי אריינגעלאזען צו ווערען אין די שטאאטען

ניו יארק, דעצעמבער, 8. — א העכסט אינטערעסאנטער פאל קומט איצט פאר אין דער פראגע פון אימיגראנטען וואס בעטען אריינגעלאזען צו ווערען אין די פאראייניגטע שטאאטען נאכדעם ווי די קענעדער רעגיערונג האט זיי ניט געוואלט אריינלאזען.

דער פאל איז ארויסגעקומען איבער די צוויי אימיגראנטען קאפעל מאראוויס און אברהם ענגלענדער, ביידע זענען פון רוסלאנד, וועמען די קענעדער רעגיערונג האט צוריקגעשיקט פון האליפאקס. די שיף האט זיך אפגעשטעלט אין האפען פון ניו יארק, און די צוויי „רוסען" האבען ארייגעשיקט א בקשה צו דער וואשינגטאנער רעגיערונג מען זאל זיי ארונטערלאזען אין לאנד אריין. די בקשה ווערט געמאכט אויפ'ן גרונד וואס אן אמעריקאנער געריכט האט ניט לאנג צוריק ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג אז אן אימיגראנט וואס געפינט זיך אויפ'ן וואסער דריי מייל ווייט פון עלים איילענד איז בארעכטיגט צו מאכען אזא אפיעל. טראצדעם וואס טעכניש זענען זיי אונטער דער קאנטראל פון דעם קענעדער קאפיטאן דאך איז מעגליך מען זאל זיי מוזען אריינלאזען אין די פאראייניגטע שטאאטען. דער אפיעל גיט אן זעהר שטארקע אורזאכען פארוואס מען זאל זיי ניט צוריקשיקען. עס האט שוין פאסירט לעצטע וואך דאס צוויי יעהריגע קינדער וואס מען האט ניט אריינגעלאזען אין קענעדע, האט מען אריינגעלאזען אין די שטאאטען.

שעהן און ווארעמער

טרויסט אונז דער וועטער נביא אויף היינט.

גאנץ ירושלים פרעהט זיך מיט ע סעמיועל'ס חתונה

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל")

ירושלים, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — די גאנצע שטאדט ירושלים, אידען און ניט-אידען האבען געמאכט א יום טוב צו דער געלעגענהייט פון סעמיועל'ס חתונה מיט פרוילין גרוזאווסקי, א מיטגליעד פון דער הדסה. די חתונה צערעמאניע איז געווען דאס שעהנסטע און רייכסטע ביילד.

די חתונה איז פארגעקומען אין א פאלאץ פון געוועזענעם דייטשען וועלכער איז איצט די וואוינונג פון סער הערבערט סעמיועל. עס זענען פארזאמעלט 9 הונדערט געסט, אין שעהנסטען פראכט און גלאנץ.

עס זענען געווען פארשטעהער פון דריי רעליגיעס וועלכע האבען זיך לאזען גלייך דערקענען נאך די קאסטיומען פון די געסט. עס זענען געווען רבנים פון סאלאניקי, ירושלים און יפו. עס זענען אויך געווען א סך אראבישע שייכס. דער געגענט פון באר שבע איז געווען פארטראטען דורך א דעלעגאציע פון צוועלף שייכס.

חתן פראקלאמירט אלס הויפט שייך

א וואונדערבארע סצענע איז געווען ווען די שייכס האבען איבערגעגעבען מתנה. דאס איז באשטאנען פון א דעקלעראציע, אויפגעוויקעלט אזוי ווי תורה, פראקלאמירענדיג דעם חתן עדווין אלס דעם הויפט פון די שייכס. צו דאזיגער געלעגענהייט איז דער חתן געגאנגען אנגעטאן אין א קאסטיום פון בעדואינען. די שמחה איז געווען זעהר גרויס. די גאנצע שטאדט האט געפרעהט.

מאביליזאציע דערווייל אפגעלייגט

דאס מאביליזירען אידישע רעקרוטען פאר'ן לעגיאן, וואס האט זיך דארט אנגעפאנגען דעם 5-טען דעצעמבער, איז דערווייל אפגעלייגט געווארען.

פאליאקען רייסען נאך אלץ שטיקער פון אידען

דאנציג, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — עס ווערט אהער געמאלדען ווארשא, דאס פוילישע סאלדאטען האבען אטאקירט און פארוואונדעט אידען אויף אן אייזענבאהן אויפ'ן וועג פון ווארשא נאך דאנציג. ראדזיוויל, הערש פאפעראנטשיק, ה. ראזענבערג און עליקום שיידראוויטש.

באלשעוויקעס העלפען פליכטלינגע

בערלין, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — אין א רעפארט פון ריגא ווערט געזאגט, דאס די רעגיערונג פון לאטוויא לאזט אלץ ניט אריינקומען אידישע פליכטלינגע וואס זענען געווען אנטלאפען נאך סאוויעטען רוסלאנד. די באלשעוויסטישע רעגיערונג האט דערווייל ארגאניזירט א ספעציעלע הילפס מיסיע פאר דיזע פליכטלינגע.

קרן היסוד וועט העלפען אויפבויען פאלעסטינא. זאגט באנאר לאא אין ענגלישען פארלאמענט

לאנדאן, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — ענטפערענדיג אויף א פראגע פרעדריק האל, האט מר. באנאר לאא, דער רעגיערונג'ס פארשטעהער אין פארלאמענט, ערקלעהרט, דאס דער קרן היסוד וואס ווערט איצט געזאמעלט דער ציוניסטישער אדמיניסטראציע וועט באנוצט ווערען צום העלפען אנטוויקלען עקאנאמישע לאגע פון פאלעסטינא. לויט דער באלפאור דעקלעראציע באנאר לאא געזאגט, פארלאנגט ניט דער קרן היסוד צו זאגען א דעה אין אדמיניסטרירען דעם הויכקאמישאנער פון פאלעסטינא. דאס ארייגעפיהרטע אידישע קאפיטאל אין פאלעסטינא וועט העלפען אלעמען סיי אידען סיי ניט-אידען.

אויף דער פראגע צי דאס וואס סער אלפרעד מאנד, דער אידישער גליד פון קאבינעט, איז פארזיצענדער ביים קרן היסוד קאנפערענץ אין טער, באטייט דאס דער קרן היסוד ווערט געפיהרט אונטער דער אויפזיכט דער רעגיערונג, האט באנאר לאא געענטפערט, אז ניט. אבער הערט סער אלפרעד איז דער פארזיצענדער קאן מען ערווארטען דאס דער זאל בען ערפאלג.

דער מאנטשעסטער גארדיען האט אפגעלייקענט דעם רעפארט דאס געמאכט געווארען א אפמאך צווישען ענגלאנד און פראנקרייך וועגען נער גרענעצען.

אידישע סטודענטען פארלאנגען אפצושטעלען אונגארישע פאגראמען דורך נאציאנען ליגע

פאריז, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — דער אידישער סטודענטען פון שווייצאריען האט אוועקגעשיקט א מעמאראנדום צו די פארהאנדלונגען דער נאציאנען ליגע, פארלאנגענדיג דאס די ליגע זאל אפשטעלען די פאגראמען.

ארמענער פאגראמירען אידען

לאנדאן, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — פון באטום קומט א ידיעה זענען אהין אנגעקומען 112 אידען וואס דערציילען אז נאכדעם ווי די קים האבען זיך צוריקגעצויגען, האבען די ארמענער געמאכט א פאגראם הרג'ענדיג הונדערטע אידען. איינער פון די אנגעקומענע, אן אלטער איד, ציילט דאס די ארמענער האבען געטויטעט זיין פרוי מיט אלע אכט קינדער.

אידישער סעמינאר אויפגעעפענט אין ווארשא מיט גרויס פאראד

ווארשא, דעצעמבער, 8. (א. ק. ב.) — דא איז ערעפענט געווארען גרויס פאראד א אידישער לעהרער סעמינאר. דער גוט באוואוסטער שער פיהרער מעדעם, האט געהאלטען די ערעפנונג'ס רעדע. פרילוצקי ערדט איבער דער אידישער שפראך. דער פועלי ציוניסט דר. שיפער רעדט איבער דער אידישער היסטאריע.

גרויסע אוואציע פאר מרס. מעקס

וואשינגטאן, דעצעמבער, 8. — אן אומגעהויער גרויסע אוואציע איז דא געמאכט געווארען פאר מרס. מעקסוויני, די פרוי פון דעם אירישען מעיאר מעקסוויני וואס איז געשטארבען דורך זיין הונגער סטרייק.

די נראסטע אריסטאקראטישע פרויען פון לאנד האבען זי אויפגענומען מיט א וואונדערבארען פאראד. זי האט ער שיינען אלס עדות פאר דער קאמיסיע וואס אונטערזוכט די שע אומרוהען.

היינט איז ערשינען אלס עדות מעקסוויני, די שוועסטער פון נעם לארד מעיאר.

עס ווערט פארבארייט א באנקעט צו מאכען פאר איהר ציעלע אויפנאהמע.

די חסידישע טאכטער

אן אריגינעלער ראמאן אויס דעם פויליש - חסידיש - אידישען לעבען

ספעציעל געשריבען פאר'ן ,,אידישען זשורנאל״

פון י. ב—ם

(115־טע פארזעצונג)

הירשעל האט איהר פארדריסליך אבגעשטופט פון זיך.

— וואס איז מיט דיר הירשעל? האט שיינדעלע ווידער אמאל געפרעגט.

— מיט מיר איז גאר ניט. היינט בין איך דא, יעצט זיך איך ארום דיר, און עטליכע מינוטען שפעטער, א שטונדע שפעטער. קען איך זיין ווער ווייסט וואו. — איך אבער בין געבליבען דער־זעלבער הירשעל וואס געוועזען.

— און איך? האט שיינדעלע נאאיוו געפרעגט.

— מיט דיר איז שוין עטוואס אנדערש. דו ביזט שוין א — — כ—ל—ה האט הירשעל לאנגזאם איסגעצויגען דאס ווארט כלה, און געקוקט צו זעהן, וואס פאר אן איינדרוק זיינע ווערטער וועלען אויף איהר מאכען.

שיינדעלע האט זיך ווידער אמאל פרובירט צו צובויגען נאהענט צו הירש־לען, אום איהם ארומצונעהמען. היר־שעל אבער האט איהרע הענט אין זיינע גענומען, און ניט דערלאזען.

— ווי מאדנע דו ביזט הירשעל, האט שיינדעלע געשעפטשעט. ניט אומזיסט זאגט מען אז די טורמע ווירקט שלעכט אויף די ארעסטירטע.

— די טורמע זאגסטו, איז הירשעל גע־ווארען בייז, דו מאכסט א טעות שיינ־דעלע. מענשען וועלכע זיינען אין טור־מע געזעסען ווייסען און באגרייפען וואס מיט זיי טוט זיך, ווערענד די וועלכע הערשען זיך ארום פריי, אט די ווערען פלוצלונג צומישט און פארלירען זייערע קעפ. גלויבענדיג אז אלעס וואס זיי טוען איז אנשטענדיג און ערליך.

— אבער צו וואס ריידען פארשטעלט? האט שיינדעלע אנגעפאנגען צו ריידען, ווי איך זעה ביזטו ברוגז אויף מיר און פאר וואס נישזאגען וואס דיין ברוגז איז?

— ווער! איך! ברוגז? קען איך זיין ברוגז אויף דיר, ווען ביי דיר איז א שמחה. וועןדו ווערסט היינט א כלה, אדער דו ביזט שוין געווארען מיט מזל א כלה, היינט־מארגען וועסט דו אונטערשרייבען דיין קאנטראקט, און אזוי ארום וועט דער האנדעל פא־פאל־קאמט ווערען.

שיינדעלע האט ארויסגעלאזען א טיפען קרעכץ און געשוויגען. גענומען אן עק פון איהר ווייס פארטוכעל אין מויל אריין און געביסען שטארק ווי זי וואלט געוואלט אפרייסען א שטיקעל דערפון.

— דו שווייגסט שיינדעלע, האט הירשעל פארגעזעצט. דו ביזט מודה אין דיין פארברעכען. דו באשטעטיגסט אז דו האסט צוגעשטימט צום שידוך. קענסט מיר אבער ניט זאגען צוליעב וואס דו האסט עס געטון?

— שיינדעלע, איך האב מיט דיר קיין מאל ניט אפען גערעדט. איך האב דיך ניט באלעסטיגט מיט מיינע געפיהלען צו דיר, ווייל איך בין געוועזען איבערצייגט אז אויך דו שיינדעלע לעבסט אונטערן זעלבען איינדרוק וואס איך, אז אויך דו באגרייפסט אז מיר זיינען געבארען איינער פארן צווייטען. און וואס פאר א זינען האט יעצט מיין פרייהייט, ווען מיין טייערע ווערסט ארעסטירט פון מיר ווען דו זעלבסט שרייבסט אונטער דיין אורטייל, וועלכער פארשליסט פאר מיר יעדער געלעגענהייט דיך צו באזי־צען.

— שיינדעלע, מיר זיינען דאך ניט קיין קינדער. מיר באגרייפען דאך וואס עס טוט זיך. קיין פאנטאזיעס האבען מיר ביי זיך ניט פארגעשטעלט, אבער איך האב ניט ערוואַרטעט, דאס דו זאלסט עס טון אזוי שנעל. אזוי איבעראיילט, איבערגעלויפט ווען דו האסט געוואוסט אז איך וועל ווערען פריי.

צוליעב וואס האסטו עס געטון שיינ־דעלע, פון איין זייט געארבייט פאר מיין באפרייאונג, געטון אלעס מעגלי־כעס מיך ארויסצוראטעווען פון יענעם טויטען הויז, וועלכעס איז פול מיט עיפוש און שמוץ. און פון דער אנדע־רער זייט זיך ארעסטירט מיט א צווייטען אלס אויסטויש פאר מיר.

הירשעל האט געזעהן ווי פון שיינ־דעלעס אויגען רינען טרעהרען. ער האט געפיהלט אז ער האט אויפגעשניטען א וואונד פון וואנען עס טריפט בלוט, ער איז אבער געוועזען שטארק פארביטערט, ניט וויסענדיג צוליעב וואס שיינדעלע האט עס געטון.

ער האט איהר אויך ניט געוואלט זאגען, אז איהר חתן איז זיין ברודער, א יונגער בחור מיט א קאלטער נשמה, וועל־כער וועט ניט הארמאנירען מיט איהרע געפיהלען. צוליעב וואס נאך פאראור־זאכען א צווייפאכע קאטאסטראפע, האט ער געטראכט.

אין הארצען האט איהם הנאה געטון, זאל זי וועניגסטענס ניט פארפרעמדט בלייבען. זי ווערט דאך זיינע א שוועגע־רין. ער וועט פיליכט האבען דאס גע־לעגענהייט צו קומען צו איהר אלס שוואַ־גער, און מיט אזא אויסרייד פארברענ־גען דארט אפט פון זיינע אומעטיגע טעג, אדער פיליכט וועט ער מוזען אנטלויפען פון פוילען, אויף אייביג זיך געזעגענען מיט איהר, וועט ער אלס שוואגער קענען שרייבען בריעף צו איהר, אום עס זאל קיין פארדאכט ניט זיין.

ער האט ווידער אמאל געווארפען זיינע בליקען אויף שיינדעלען. וועמענס געזיכט איז נאס געוועזען פון טרעהרען, און וועלכע האט ניט געוואגט צו קוקען אויף איהם, וויסענדיג אז זי איז באגאנגען א פארברעכען פאר וועלכען זי פארדינט די שטראף.

רחל'ע האט פון'ם דערבייאיגען צי־מער אלעס געזעהען און וועלענדיג ארויס נעהמען שיינדעלען פון איהר אונאנגע־נעהמער לאגע, איז זי ארייגעקומען און זיך צולאכט.

זי וויינט דאך גאר אוועקגעלייגט אזוי פיעל ארבייט, געהאפט אויף דער מינוט איהם צו זעהן, און ווען ער זיצט לעבען דיר שיינדעלע, זיצסט דו און וויינסט גאר.

אט מיט די ווערטער איז זי צוגע־גאנגען צו שיינדעלען, גענומען איהר קאפ איהם אויפגעהויבען גלייך אנטקע־גען הירשעלס געזיכט.

אט, נא, זעה ער איז עס, וועמען די האסט אזוי לאנג ערוואַרטעט, נאך ווע־מען דו האסט גענארט און געהאפט אמאל צו זעהן. וויש דיר אוים די אויגען, קינ־דער וויינען — ערוואקסענע מענשען וויינען ניט, און גיט זיך שלום עליכם.

שיינדעלע האט ניט געוואגט אויפצו־הויבען איהרע אויגען, פאר איהר האט גאר ניט עקזיסטירט, זי האט ארומזיך גאר ניט געזעהן. הירשעלס ווערטער האבען ווי רויטע שפיזען דורכגעשטאכען איהר קערפער און איהם צובלוטיגט.

הירשעל האט זיך אויפגעהויבען פון דעם פלאץ, און גענומען ארומשפאצי־רען איבערן צימער פארטראכט. שיינדע־לע האט נאך אלעס געוויינט, און רחל'ע איז געוועזען ווי א צוטומעלטע צווישען זיי ביידע.

(ווערט פארגעזעצט)

דזשועלרי הענדלער און דזשועלרי סטארקי פערס אויפמערקזאם

זייט וויסען, אז איך

מ. העלער

האב זיך גענומען צו דער ארבייט, און בין ווילינג צו מאכען אלערליי דזשועלרי דזשאבס פאר דער טרייד.

קומט מיך אדער זעהט זיך מיט מיר. ווען איהר דארפט מאכען אייערע דזשועלרי דזשאבס, און איהר וועט זיין צופריעדען.

אלערליי רינגען, קלענערע אדער גרעסערע, געמאכט צום סייז.

מיין נייער אדרעס איז

251 Queen St. West

טעלעפאן אדלייד 8967.

הונגערישע עקס־סאל־דאטען ענטזאגען זיך צו זינגען די נאציאנאלע הימנע

(פארזעצונג פון פיידזש 1)

צום גליק האט טשערמאן פלין ארויפגע־רופען קאנטראלער גיבאנס'ן אויף דער פלאטפארמע און איהם פארגעשטעלט אלס א מענש וואס פארטיידיגט שטענ־דיג די אינטערעסען פון די סאלדאטען, און דער עולם איז איינגעשטילט געווא־רען.

די עילה געגען די סאלדאטען

מר. פלין האט אין זיין רעדע שארף אטאקירט די קאנעדער רעגירונג פאר דעם וואס מען זעהט ניט צו פארזארגען יענע סאלדאטען וואס האבען געקעמפט פאר קאנעדע, האבען געוואונען פאר א הר די פרייהייט און איצט נעהמען די מאנופעקטשורערס און שיקען אוועק די זעלבע סאלדאטען און לאזען זיי הונגע־רען.

מוזען גלייך עסען

דער רעדנער האט געפאדערט אז איבער עפעס טון פאר די ארבייטסלאזע סאלדאטען מוז דאס נעמען טאקע שוין אהן מיטינגען און באראטונגען.

מעיאר טשורטש איז אויפגענומען געווארען מיט א היפש ביסעל ,,ביען״, אבער ער איז געשטאנען שטייף אויפ'ן פלאטפארמע ביז ער האט ערקלערט דאס עס וועט אין גיכען אונטערנומען ווערען א קאמפיין איבער'ן גאנצען שטאדט כדי צו דער הילף פון אלע אינסטיטוציעס צו העלפען די ארבייטסלאזע סאלדאטען.

צוואנציג טויזענט ארבייטסלאזע אין טאראנטא

ביי א קאנפערענץ, וואס איז געהאל־טען געווארען פון ארבייטער פארשטעהער מיט'ן ארבייטס מיניסטער סענאטאר ראבערטסאן איז אנגעוויזען דאס אין טאראנטא געפינען זיך ביי דער איצטיגער צייט ביז צוואנציג טויזענט ארבייטס־לאזע.

בא'ן קאנפערענץ האט דער ארבייטס מיניסטער געזאגט די צייטונגען, אז ער האט געהאט אן אנגע־נעהמען געשפרעך מיט די ארבייטער פיהרער און ער האפט אז עס וועט דער־פון ארויסקומען א גוטער רעזולטאט.

פרעמדע מעגען פונג'ען

מעיאר טשורטש האט פארגעשלא־גען צו דער באארד אוו קאנטראל צו עפ־נען א ביורא פארענט פון סיטי האל פאר דעם צוועק צו רעדזשיסטרירען אלע אר־בייטסלאזע געוועזענע סאלדאטען.

מאכענדיג דעם פארשלאג האט דער געעהרטער מעיאר געזאגט. דאס ער וויל האבען א פאלשטענדיגע ליסטע פון די ארבייטסלאזע, אבער בלויז פון ,,אונ־זערע אייגענע בירגער״. האט דער מע־יאר צוגעגעבען. דערנאך ווען אזא ליס־טע וועט פארטיג ווערען ,,וועט מען זע־הען וואס צו טון״. די באארד האט אנ־גענומען דעם פארשלאג.

פארשטעהער פון דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע געשיקט קיין בודא־פעסט און טריעסט

א קייבעל צו דער דזשאינט דיסטרי־ביושאן קאמיטע פון לייטענאנט בעקער מעלדעט:

פאריז, דעצעמבער 2.

צוריקפאהרענדיג פון דער וויענער קאנפערענץ, האב איך, צוזאמען מיט דר. באגען, באזוכט בודאפעסט און גע־פינען, אז די לאגע דארט איז שרעקליך און פארלאנגט, אז אן אפיציעלער פאר־טרעטער פון דער דזשאינט דיסטריביו־שאן קאמיטע זאל זיך שטענדיג געפי־נען אויפ'ן פלאץ. מיר האבען דעריבער ארראנזשירט, אז א מיטגליד פון הילפס יוניט זאל גלייך געשיקט ווערען אהין פון ווארשא.

א צווייטע קייבעל פון דר. באגען מעלדעט:

פאריז, דעצעמבער 3.

די קאמיטע פון טריעסט טעלעגרא־פירט, אז די לאגע פון די אוקראינישע און רומענישע פליכטלינגע, וועלכע גע־פינען זיך אין טריעסט, איז זעהר ערנסט און זיי בעטען דעריבער, אז אן אמע־ריקאנער פארשטעהער זאל גלייך אהין געשיקט ווערען. דער באקאנטער שריפט־שטעלער העברי אלטבערג איז דעריבער געבעטען געווארען צו אונטערזוכען די לאגע אין טריעסט און גלייך צושטעלען א באריכט.

לאנדסמאנשאפטען דעפארט־מענט שיקט איבער א האלבען מיליאן דאלאר

די צאהל פון די לאנדסלייט - אר־גאניזאציעס, וועלכע שיקען איבער געלד אין זייערע שטעט דורך דעם לאנדס־מאנשאפטען - דעפארטמענט פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, ווערט אלץ גרעסער. ווי מען קען זעהן פון דעם קורצען באריכט פון דעם דעפארטמענט:

פון דעם 21־טען סעפטעמבער, ווען דער דעפארטמענט האט אנגעהויבען אי־בערצושיקען געלדער פאר לאנדסמאנ־שאפטען, ביז דעם 1־טען דעצעמבער, האבען זיך צו איהם געווענדעט מיט געלדער 43 לאנדסמאנשאפטען, וועלכע האבען צוזאמען ארייגעטראגען א סומע פון 445,085 דאלאר.

דער לאנדסמאנשאפטען - דעפארט־מענט שטעהט אפען פאר די הונדערטער ארגאניזאציעס, וועלכע ווילען, אז זייער הילף זאל שנעל און פינקטליך צוגע־שטעלט ווערען אין זייערע שטעט און ווילען צו דער זעלבער צייט נישט מאכען קיין באזונדערע הוצאות אויף צו שיקען ספעציעלע דעלעגאטען, וואס זענען נישט אלע מאל זיכער מיט'ן ערפאלג פון זיי־ער מיסיע. דער דעפארטמענט איז אפען יעדען טאג אין אפיס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, 1133 בראדוויי.

אמזרחי גארטען אין לאנדאן

אין נארטה לאנדאן איז אויף א מיטינג באשלאסען געווארען דורך רעוו. ס. גראים, צו גרינדען א מזרחי קינדער גארטען. א פרויען קאמיטעט איז גלייך געבילדעט געווארען, וועלכע וועט זעהן אנווענדען אלע נויטיגע מיט־לען אום צו פארווירקליכען דיזען באַ־שלוס.

די מזרחי יוגענד גרופע אין איסט לאנדאן האט ערעפענט העברעאישע קור־סען אונטער די צייטווייליגע אויפזיכט פון לאיער בעלדמאן. אלס דירעקטאר. א פולען פראגראם איז אויסגעארבייט געווארען פאר'ן ווינטער די פאלגענדע למודים וועט ווערען געלערנט: תלמוד, תנ"ך, העברעאישע שפראך, לעקטשורס א. א. וו.

דר. סיגעל
דענטיסט
425 בלור סט. וועסט
קארנער ראבערט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 2820

יעקב ס. בענעט
(פון בענעט און קעמערען)
באריסטערס, סאליסיטערס, נאטאריעס
א. א. וו.
2901 דאנדעס סטר. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 3077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 363

דר. ס. פערלמאן
רענטיסט
341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
גיט אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד.
ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען.
שפעט אין אווענט.

דר. ס. פיזוני
דענטיסט.
ספעציאליסט עקסטראקשאן פון ציינער
קאר. קווין און ספאדינע עוו. רום 2.
טעלעפאן אדלייד 4067.

טעלעפאן אדלייד 5615.
דר. ע. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט.
(קאר. מיקאל סטריט.)
טאראנטא.

דר. ב. לאנדוי
דענטיסט
אפיס
דאנדעס קאר. ספעדינע
קאלעדזש 6073

צו פערענטען

צו פארענטען א פלעט פון דריי רומס מיט אלע קאנוויניענס סינק אין קיטשען עפערעט גאז מיטער, פאסיג פאר א קליינע פאמיליע, קען גלייך ארייגמופען 43 סט. פעטריק סטריט, נעווען וויליאם סט.
3874—12—9)

צו פארענטען פלעטס פאר מאנו־פעקטשורינג אדער לייכטע ווערהאוזעס, נאכפרעגען 75 דאנדעס סטריט איסט. קארנער דאנדעס און באנד סטריט.
3872—12—14)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס. אלע קאנוויניענס, ספערעט גאז, עלעקטריק ליכטשורס. פאסיג פאר א יונגער קאפעל. רומס ווערען ליידיג היינטיגע וואך. סינק אין קיטשען און ווינא בלליינדס. נאכפרעגען 87 באַרדען סטריט.
862—12—13)

איבערצוגעבען א הויז פון 7 רומס מיט אלע קאנוויניענס מיט איינציגע שטיק לאף פוירניטשור. מען קען גלייך ארייג־מופען. נאכפרעגען 209 קווין סטריט וועסט.
13866—12—9)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 696 ריטשמאנד סט. וועסט. טעלעפאן עדע־לייד W 3624
871—12—9)

צו פארענטען א פלעט פון 3, 4, אדער 5 רומס מיט אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען. נאכפרעגען 222 בעווערלי סטריט נעבען קאלעדזש
12887—12—12)

צו פארענטען א פלעט. נאכפרעגען 159 יוראן סטריט.
3889—12—10)

ארבייטער פערלאנגט

אן אנשטענדיגע פאמיליע פארלאנגט א פרוי פאר לייכטע הויז ארבייט קיין קליינע קינדער. מיר זענען פארנומען אין ביזנעס. נאכפרעגען 620 קווין סט. וועסט.
3881—8—11)

פערלאנגט א פעהיגע יונגע מיידעל אלס סטאקקיפער און ספוקער. נאכ־פרעגען היי קלאס עמבראדערי קא. 431 קינג סט. וועסט.
13868—12—9)

א פארהייראטער מאן זוכט ארבייט, האט א פערד און וואגען. ווילג צו טון יעדע ארבייט. פרעגען שריפטליך ,,זשור־נאל״ באקס 509.
828—12—9)

אן עלטערע פרוי איז ווילינג צו געהן אלס וואַרטס פרוי. נאכפרעגען 22 סאהא סטריט

עקספיריענסד פאר פינישערס פאר־לאנגט. נאכפרעגען 168 בעי סטריט קארעטצקי ברידער.
873—12—8)

אן עקספיריענסד דעזיינער פון קלאוקס סוטס און קאוטס פארלאנגט א פאזישאן. גוטע רעפערענס אויב נויטיג. נאכפרע־גען שריפטליך ,,זשורנאל״ באקס 514
891—12—16)

פארלוירען, שבת פריה דעם 27־טען נאוועמבער א פאר אייגען גלעזער אהן ראמען אין באקסעל, אויף דיארסי, בע־ווערלי אדער קאלעדזש. גוטע באלוינונג. טעלעפאנירט קאלעדזש 4254.
2884—12—10)

אידישע ווייבער זייט אויפמערקזאם!

די גראסערי פון 168 בראנזוויק עוו. קארנער הארבארד, איז איצט א אידישע גראסערי. מיר פארקויפען אויף די ביליגסטע פרייזען און גיבען די בעסטע סחורה. מיר דעליווערען און שפארען אייך איין צו טראגען זיך מיט פארסעלס. טעלעפאן קאלעדזש 2847. 168 בראנז־וויק עוו. ס. סייקאוויטש.
13885—12—16)

פארהיט אייערע אויגען

אין די קאלטע ווינטערן וועט איהר וועלען זיצען אין הויז, דערפאר דארפט איהר אייך פארזארגען מיט באקוועמע אויגען גלעזער צום לעזען. אויגען ווערען זעהר פארזיכטיג עקזאמינירט, און גלע־זער ווערען פארקויפט פאר זעהר מעסיגע פרייזען. גלעזער צום לעזען פון $3.50 און העכער. פאטראניזירט דעם איי־ציגען אידישען אדווערטייזט אפטא־מעטריסט אין שטאדט.

אויב איהר קענט ניט קומען צו אונז אין אפיס אונטערזוכען מיר אייערע אוי־גען ביי אייך אין דערהיים.

Dr. LOUIS WINKLER
Registered Optometrist and Optician
390½ Yonge St. Ad. 5671
With N. Jacobs' Jewelers

ביזנעס קייפען און צו פארקויפען

ספעציעל פאר פרויען.

איהר באקומט צו קויפען נייע שייטלען ווי אויך צו פיקסען אלעס אין האר אר־בייט. אויך מאך איך א ספעציעלען בארגיין היינטיגען מאנאט אין פליכטען, די וועלכע האבען אויסגעקעמטע האר, מאך איך פון זיי פליכטען. יומאן הער שאפ, 153 דאנדעס וועסט.
1010—12—21

אלע איבערגעלאזענע סוטס און אווערקאוטס פון אונזערע דרייסיג ברענט־שעס איבער גאנץ קענעדע, וועלען אויס־פארקויפט ווערען צו $14.00 א שטיק. איינציגע פאר הויזען צו $3.95, באזונ־דערע וועסטען צו $1.50. אין פיעלע פא־לען זענען אט דיזע פרייזען צוויי דריטעל ווייניגער ווי זייער פאקטישע ווערט. סוחרים דארפען קויפען, דיזע סחורה און זיי וועלען פארקויפען צו זייערע קאס־טומערס. קלוגע מענער וועלען קויפען צוויי אין דריי סוטס און אווערקאוטס צו דיזע פרייזען.

צום אויספארקויפען אין 282 יאנג סטריט, ענגליש און סקאטש וואולען קאמפאניע.
1052—12—30)

צו פארקויפען א דזשענטס פוירני־שינג און קלאדינג סטאר. פארזיכערט א לעבען צו מאכען. אורזאכע פון פארקוי־פען, איינגענטימער געהט אין מאנופעק־טשורינג ביזנעס. נאכפרעגען 541 קווין סטריט וועסט.
13831—12—16)

צו פארקויפען א ליידעס טיילארינג און רעדי טו וועיר סטאר. א לאנגער ליעס. אורזאכע פון פארקויפען, קען ניט אטענ־דען די ביזנעס. נאכפרעגען 2966 דאנ־דעס סטריט וועסט. אדער טעלעפאן דזשאנקשאן 4140.
13865—12—14)

א פרייסער בארגיין. 8 רומיגע הויז, סאלדי בריק, גאז, עלעקטריק, גאנצער סייז צעמענט סעלער, לאנדרי טאבס וואַרענדע. גרויסער לאט צו א ליין. עס ווערט פארקויפט $1000 אונטער קאסט פרייז. נאכפרעגען 474 קווין סט. וועסט
3888—12—12)

צו פארקויפען איין קאמפליט ליידיעס טיילארינג פלענט. 4 סינגער מאשינען און א באטענהאל מאשין און מאטאר, אויך פיקסטשורס. נאכפרעגען 513 קאלעדזש סטריט. זעהר ביליג. מוז גלייך פארקויפט ווערען. טעלעפאן קאלעדזש 1105
13886—12—12)

צו פארקויפען א פריינטינג פלענט, זעהר ביליג. א גוטער פלאץ. עס איז פארהאן אלץ וואס א פריינטינג פלענט דארף האבען. נאכפרעגען 303 קינג סט. וועסט.
3883—12—9)

צו פארקויפען א פערד, וואגען און הארנעס. נאכפרעגען 33 קענזינגטאן עוו.
13882—12—9)

איך וויל איבערגעבען מיין אינטע־רעס אין א גוטע מאנופעקטשורינג. פיעל געלט צו מאכען פאר קעש אדער עקס־טשענזשען פאר גוטע גראסערי אדער דריי גודס. שרייבט ,,זשורנאל״ באקס 513.
880—12—10)

א שאפ און מאשינערי צו פארקוי־פען. נאכפרעגען 191 דזשאהן סטריט.
3875—12—11)

צו פארקויפען א שאפ פון קעפ־מאכער מאשינעריע, עלעקטרישען מאטאר, נייר - מאשין, טעיפ מאשין, פינף נאדעל מאשין, זעהר א גוט קאטינג ברעט. א סטים אוויזען, 2 סעטס קעפ בלאקס, א באטאן מאשין, א קליינעם גאז אויווען, אן אייזען, א פאוער טייבעל א. ז. וו. אלע זאכען זענען גענוצט ווע־ניגער פון א יאהר. נאכפרעגען 142 וויקטאריע סטריט.
13890—12—10)

ספעשעל סייל

CASH OR CREDIT

אזוי ווי מיר האבען א גרויסען סטאק פון פארשיעדענע דזשועלריס, סילווער־ווער, קאט גלעז, לייטמער, פרעזענטס אייווערי סעטס. אויך א שעה־נעהם אויסוואהל פון דיימאנדס אלעס פון 25 ביז 50 פרא־צענט ביליגער. איהר מעגט זיך ערלויבען צו קומען און איבערצייגען זיך אז 14 קערעט גאלד ריסט וואטש פאר $20.00

איער פריינט קעש
145½ קווין סטריט וועסט
טעלעפאן אדלייד 3588.

ווען איהר קויפט און ארפי־סעל דערמאנט דעם ,,אידישען זשורנאל״

ביזנעס שאנסען!

טעלעפאנירט אדלייד 168.
פאר מעסענדזשער.

אלע סארטען שערען געשארפט און גע־שליפען פון 10 סענט און העכער. אלע סארטען רייזערס, כליירס געשארפט אוזי ביי געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און ארייגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.

מיר קומען נאך דער ארבייט.

די אלבערט שארפער רייזער
180 באטהורסט סט. טאראנטא, אנט.

רופינג. זוויליאם סאלטער, 152 בעי סטריט, אדלייד 1098, דזשעראד 496
1061—12—28)

הויז רעפער קא. לימיטעד
152—4 בעי סטריט
מיר קוקען איבער און פארריכטען אלעס נויטיגעס אויף בילדינגס פון סעלער ביז'ן דאך.
טעלעפאן אדלייד 1098
1061—12—28)

פייפערהענגינג און פיינטינג. דער אלטער באקאנטער פייפערהענגער און פיינטער פייפערט מיט די שענסטע פייפער און די בעסטע פיינט. סעם קייטס, 166 אסינגטאן עוועניו טעלעפאן פארקדייל 3394.
3340 —12—1'

מיר רעפערירען אלע סארטען סטאווס און קלינען פארניסעס צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען אייער אלטען סטאוו אויסקוקען ווי ניי. 80 דזשעראד סט. וועסט. טעלעפאן עדעלייד W 5198
13505—1—1)

דעכער פיקסען. מיר מאכען נייע גרעוועל דעכער און פיקסען אלטע, מיר מאכען פארשיעדע־נע פוירנים ארבייט. גוטע באהאנדלונג גלייך אטענדעט. אלע ארבייטען גאר־ראנטירט און צו די ביליגסטע פרייזען. אימפיריאל רופינג און טינסמיטינג קא. 95 עלם סטריט. טעלעפאן אדע־לייד 7631.
3771—12—24

האפמאן פייפערהענגער
פיינט און פייפערט צו די ווינטער פרייזען, 1 אלסטער סטריט, טעלעפאן קאלעדזש 3023.
3591—12—10)

פלאמבינג און היטינג קאמפארד קאם. מיר מאכען נייע און פיקסען אלטע פלאמבינג. שנעלע באהאנדלונג. צו־פרידענהייט גאראנטירט. 434 קווין סט. וועסט טעלעפאן קא־לעדזש 2784.
711—12—18

קארפענטערס. מיר מאכען סטאר פיקסטשורס און אפיס ארבייט, ווי אויך הויז אלטעריי־שאנס, צו ביליגסטע פרייזען. טעלעפאן קאלעדזש 7306 אדער 171 יוקליד עוו. מר. סטיינער.
13855—12—19

דעכער פיקסען. מיר מאכען נייע גרעוועל דעכער און פיקסען אלטע, און פוירנים ארבייט. גלייך אטענדעט צו די ביליגסטע פרייזען. אלע ארבייט איז גאראנטירט, די דזשע־נעראל רופינג און טינסמיט קא. 374 אסינגטאן עוועניו, פאן קאלעדזש 677.

קאהען און סאהען
באריסטערס און נאטארים פאבליק א. א. וו.
מאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מעין 2684.
אברהם קאהען הילקרעסט W 4855
סעמויעל קאהען דזשאנקשאן 2619.

סיטי דריי ווארקס
349—351 קאלעדזש סטריט.
מיר נעהמען אן ארבייט צו קלינען, פארבען און פרעסען. אונזער טראק וועט קומען צו אייך ווען איהר וועט אונז טע־לעפאנירען.
מיר רעניטען אויך פול דרעס סוטס און סילק העטס. טעלעפאנירט קאלעדזש 2628.

הארדוואוד פלארס
קליר אק פאר 35 סענט א סקווער פוט, אנדערע גריידס פאר 28 סענט, געלעגט און געפינישט קאמפליט. לעדער 1 קין סטריט טעלעפאן דזשע־ראַרד 6029.
570—12—8

א הוסט איז א סימן פון קו־מענדער ערנסטער געפאהר באפרייט זיך פון דעם גלייך מיט א דאזע פון ,,דר. מייסיס קאף באל־זאם״. קיין אנדער מעדיקאמענט גלייכט זיך צו דעם, אבסאלוט גא־ראנטירט. פרייז 35 סענט. צו באקו־מען בלויז ביי
Claude J Halloran
דראגיסט.
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
טעלעפאן אדלייד 1221.

ביי זיך אין דער היים

פון בן יהודה גרינמאן.

עס איז גוט צו פיהלען זיך אין דער היים, ניט אמת? פיהלען די היימישקייט פון אן אייגענער סביבה. די פריינדשאפט פון אן אייגענעם קרייז, די פרייהייט פון דער אייגענער נשמה, דעם חשק צו געניסען פון אייגענער ארבייט. עס איז גוט!

ביי זיך אין דער היים! חיים, היים, דער אויסגעשריי און וואונש פון איינצעלנע, פון גרופען און פון פעלקער וועט אייביג פארבלייבען, אפשטעמפלענדיג דעם כאראקטער און דעם גייסט פון דעם יחיד און פון גרופען.

עס איז גוט צו פיהלען זיך אין דער היים! טא לאמיר אייך באקאנען מיט אזא היים פאר טויזענדער און טויזענדער אידישע ארבייטער, לאמיר אייך פארשטעלען דעם אידיש-נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד פון אמעריקא.

איהר האט געהערט פון איהם? דער נאמען איז אייך באקאנט? זעהר, זעהר פיין. איהר, קענעדער, וועט זיך מיט איהם איצט אפטער באגעגענען און צוזאמענטרעפען. ער ווערט אייער תושב, איינגעבירגערט אין אייער לעבען, איינגעפליישט אין אייער ארגאניזאציאנס קערפער. דער איד. נאצ. ארב. פארבאנד, איז לעצטענס געווארען אן עכט קענעדער אידישער קערפערשאפט. ער האט א דאמיניאן טשארטער ארויסגעקראגען פאר גאנץ קענעדע.

דער טשארטער פון דער רעגירונג האט לעגאל באקרעפטיגט דעם פרינציפ פון טשארטער וואס ער האט שוין לאנג ארויסגעגעבען צו דער אידישער ארבייטערשאפט, צו די אידישע פאלקס מאסען.

וואס איז דאס פאר א טשארטער? אביסעלע געדולד, מיינע פריינד. איהר זאלט זיך באקענען מיט דיעזען טשארטער פון פרינציפען און אויפגאבען פון דעם ערשט געטשארטערטען און געזעצליכען אידישען ארבייטער ארדען א'ו'דיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד פון אמעריקא".

וואס זאגט אייך דער נאמען? לעזט איבער נאך אמאל און הורט עס איבער לאנגזאם אט אזוי: אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד פון אמעריקא".

א פארבאנד פון אידישע ארבייטער וועלכע זיינען נאציאנאל, צוליעב וואס האט זיך ארגאניזירט אט דער ארבייטער פארבאנד? אה, צוליעב וואס דארף זיך ארגאניזירען א פארבאנד פון אידישע ארבייטער? עס איז טאקי א פראגע.

הערט זשע דעם ענטפער:

דער פארבאנד איז געגרינדעט צוליעב די מאטעריעלע און אידעאלע נוצען פון אידישע ארבייטער מאסען. דער פארבאנד האט אויסגענוצט די באקאנטע ארגאניזאציאנס פארמען פון אן ארדען און באשאפען א מוסטער טיפ פון אן ארדען אין דער ארדען וועלט.

ער האט געזאגט ביים גרינדען איהם: מיר ווילען האבען א פאראנטווארטליכען פארזיכערונגס ארדען, וועלכער זאל ניט מורא האבען פאר אונטערגאנג און באנקראט, וועלכער זאל קאנען געבען זיכערקייט צו די טויזענדער מיטגליעדער און צו זייערע פאמיליען. מיר ווילען געבען די זיכערע בענעפיטען אויף א פאראנטווארטליכען אופן, און דערפאר האט דער פארבאנד אנגענומען די סיסטעם פון די גרעסטע לייף אינשורענס קאמפאניעס פאר זיינע בענעפיטען. ער האט אין דעם פאל זיך גלענצענד ארויסגעוויזען, ער שטעהט היינט צו טאג אלס איינער פון די אינגסטע, אבער זיכערסטע אידישע ארדענס אין לאנד. ער האט געצוואונגען אנדערע גרעסערע ארדענס צו געהן אין זיינע וועגען.

אז ער איז פארטיג געווארען מיט דער פראקטישער זייט, האט ער ווייטער געזאגט: מיר ווילען אן ארדען, וואס זאל ניט נעהמען זיינע מיטגליעדער און זיי פארוואנדלען אין דעם משתה'דיגען טיפ פון א 'לאדזשען ברודער" און "בענעוואלענט פריינד" וועלכע יאגען זיך נאך כבודים, נאך קרקע, נאך ווילדע צערעמאניעס, און לעכערליכע שטיק.

ניין, מיר ווילען אט די טויזענדער מיטגליעדער ערציהען, אויפקלעהרען, זיי באקאנט מאכען מיט די ברענענדסטע נוצען פון פאלק, און זאלען זיי דאן זייער חלק ביטראגען צו דער לייזונג פון די וויכטיגסטע פראגען וואס באשעפטיגען און באאומרוהיגען די מוחות און נשמות פון זייער פאלק און דער ארבייטער וועלט.

און אט אזוי, האט דער אידיש נאצ. ארבייטער פארבאנד גלייך ביים געבורט פראקלאמירט די וויכטיגקייט פון קינדער ערציהונג, פון ארגאניזירונג פון פאלק, פון אויפקלעהרונגס ארבייט פון בילדונג, פון געזעלשאפטליכער טעטיגקייט, פון ארבייטער טעטיגקייט, פון קאאפעראטיווער ארבייט. קורץ, ער האט באשאפען א מוסטער ארדען פאר געזעלשאפטליכער אקציאן און אט שטעהט פאר אייך, דיעזער ארבייטער פארבאנד, אין איינציגע יאהרען פון עקזיסטענץ און הופט אייך צו זיך, וויל אייער סימפאטיע מיט רעכט. ער האט אנגענומען צו צאהלען וועקסלען, און צאהלט זיי, די וועקסלען, די מאטעריעלע און אידעאלע.

ער גיט טויטען און קראנקען בענעפיט. ער גיט אבער אויך לעבעדיגען בענעפיט, ער פארזיכערט, די נויטען פון קערפער ער פארזיכערט אבער אויך די נויטען פון דער נשמה, פון די ברייטע ארבייטער מאסען פון פאלק.

ער איז דער גרויסער קאאפעראטיוו, די גרויסע פארזיכערונגס געזעלשאפט, די קומענדע אידישע ארבייטער מאכט וואס דריקט אויס אפען און אויפריכטיג פאר דער ברייטער עפענטליכקייט, אלעס וואס איז גוט און שעהן פון אידישען פאלקס לעבען. די שעהנסטע שטריכען פון דער אידישער ארבייטער נשמה ווערען ארויסגעבראכט אין דער טעטיגקייט פון פארבאנד, ער וויל א פראקטישען בונד פון אידעאליסטישע יונגעלייט, ער זארגט מיט א פולער האנד פאר די אידישע ארבייטער נויטען, ער איז דער אמת'ער ארדען, אייער ארדען!

און אט דערפאר, זאגען מיר: אז זיין אין פארבאנד, הייסט זיין ביי זיך אין דער היים, וואו פריי און ברייט קאנט איהר אייער שטימונג, אייער בענקעניש, אייערע וואונש אויסדריקען און אין א חבר'שען קרייז געבען אויסדריק צו דער שעהנסטער טעטיגקייט פון אידישע ארבייטער מאסען אין אמעריקא.

אין דעם טשייניק

שיט אריין א טיי לעפעלע

"SALADA"!

אויף יעדע צוויי גלעזער שיט אריין אויף פרישע זודיג וואסער און לאזט שטעהען אויף פינף מינוט. דער רעזולטאט וועט זיין די בעסטע טיי, וואס איהר האט אמאל פארזוכט.

קליידער געגעבען צו פליכטלינגע.

פון מר. יעקב מזל, קאמישאנער פון אמעריקאנער הכנסת אורחים און אימיגראנט אייד סאסייעטי אין אייראפא, האט מר. דושאן ל. בערנשטיין, פרעזידענט פון דער סאסייעטי, ערהאלטען א קייבעל. אז די קאמיסיע האט פארטיילט צווישען אידישע פליכטלינגע 13 גרויסע קאסטענס מיט קליידער, וואס זיינען געזאמעלט געווארען אין שיקאגא. די קאמיסיע האט געקראגען די קליידער דורך מר. בערנארד האראוויץ. די קאמיסיע האט אויסגעוויזען, אז קיין דיוטי זאל געצאהלט ווערען פאר די קליידער.

מזרחי נייעס פון דער גאנצער וועלט

(פארזעצונג פון פייזש 6)

זיך באזעצט אין ארץ - ישראל און זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו פאלקס - ארבייט אויף פארשידענע געביעטען.

דער נפטר איז געווען זעהר באליבט ביי אלע אנדערע פראקציעס ובפרט ביי די ראדיקאלע פאר זיין ערנסטע און אמת'ע איבערגעגעבענהייט צום ציוניסטישען אידעאל. ער איז אויך ערוועהלט געווארען אלס מיטגליד אין דער אספת הנבחרים, נאר צום באדויערען האט ער ניט דערלעבט זיך צו באטייליגען אין איהר ערעפענונגס פארזאמלונג.

זיין טויט איז א גרויסער פערלוסט פאר'ן מזרחי ווי אויך פאר'ן ישוב בכלל.

א פעקעל צוריק פון ארץ ישראל זוכט זיינע שיקער

דער "פאלעסטיין סאפליי דעפארטמענט" פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן פ. ז. אמעריקא האט באקומען פון דזשענעראל אפיס פון וואשינגטאן צוגעשיקט א פעקעל מיט זאכען, וואס איז געשיקט געווארען נאך ירושלים און איז ניט דעליווערט געווארען צום אדרעסאנט, ווייל דער אדרעס איז אין וועצוריען און אונלעזבאר געווארען.

אין די זאכען פון פעקעל זיינען געפונען געווארען צוויי צעטלאך מיט די נעמען פיגע גראבער און ציפע גראבער ווי אויך לשנה טובה. דער פאלעסטיין סאפליי דעפארטמענט בעט די פערזאנען וואס האבען א שייכות צום פעקעל, זיך צו ווענדען וועגען דעם אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

מיס. א. ה. פראמענזאהן, 74 פינפטע עוועניו, ניו - יארק סיטי

געזונטע,

צופרידענע כא[illegible]

און מיידלא[illegible]

איז אייער קינד געזונט [illegible] אדער זי די נארמאלע וואג, [illegible] ליד מיט געגוג רויטע, רייכע בלוט [illegible] רען דעם וואקסענדען קערפערל [illegible]

פאר קינדער וועלכע זענען [illegible] צעהרט, בלאס, בלוטלאז, [illegible] נערוועז און אומרוהיג, איז דר. [illegible] נירוו-פוד פון גרעסטען נוצען [illegible] קען זיך נאר פארשטעלען.

זייענדיג מילד און צארט אין [illegible] ביים און דאך וואונדערליך ווירק[illegible] אויפבויאונגס-מיטעל מאכט עס [illegible] בלוט רייך און שטארקט די [illegible] טע נערוועז.

50 סענט א באקס, 6 פאר 2.75 [illegible] אלע דיעלערס, אדער, עדמאנסאן, [illegible] און קא. לימיטעד, טאראנטא.

Chase's
ve Food

דווארקינ'ס נאמען איז געסייפט

אונזערע שונאים האבען נאר געהאלפען פעסט צו שטעלען דווארקינ'ס נאמען ווי ראיעל ער איז

ה. דווארקין איז ערנהאפט פריי

כאטש מיר האבען דא ניט געוואוסט די אומשטענדען זענען מיר. דאך גרייט געוועזען אין א מאמענט נאטיס צופרידענצושטעלען אונזערע קאסטימער

עס איז וואר, דאס 98 פראצענט פון אונזערע קאסטימערס זענען געוועזען פריינדליך און געדולדיג צו אונז. איניגע זענען געוועזען זעהר געמיין און געמאכט סקאנדאלען, באשולדיגט בארים דווארקין אין שווינדעל, אין דער צייט ווען אלע האבען געוואוסט דאס בארים דווארקין האט זיך ניט געמישט אין די ביזנעס, ווייל מר. און מרס. דווארקין האבען איהם ניט צוגעלאזען. פינאנציעל אבער בין איך געוועזען פאראנטווארטליך, ווי עס איז א פאקט, ווען עס איז געקומען טראבל בין איך געוועזען פאראנטווארטליך, און וואלט דארפען צאהלען דאס געלד צוריק.

מר. ה. דווארקין האט ארויסגעשיקט פאסאזשירען אהן געלט פון וועלכע עס קומט אונז צעהנדליגער טויזענטער דאלאר וואס מיר האבען נאך ניט געקאלעקטעט, קיין אנדערער האט עס ביז היינט ניט געטון

יעצט וועט מר. ה. דווארקין ארויסשיקען אלע קאנטראקטען. די קאסטימער ווערען געבעטען צו האבען געדולד א ווייל'ע און אלעס וועט אטענדעט ווערען ריכטיג.

פאר צוקונפטיגע ביזנעס וועט דאס דינען אלס אפיציעלע נאטיס דאס אלע לעטערס, טשעקס און נאטס אדער אירגענד וועלכער אגרימענט דארף זיין געסיינט

E. and H. DWORKIN
per E. DWORKIN

אלע קאנטראקטען וועלען דארפען געסיינט ווערען מיט דעם נאמען **E. DWORKIN** איך וועל ניט זיין פאראנטווארטליך פאר קיין נייע ביזנעס אדער סטייטמענטס פון אנגעשטעלטע פון דער פירמא, וואו מיין נאמען וועט ניט זיין אונטערגעשריבען. דערווייל וועלען מיר קיין נייע קאנטראקטען ניט נעהמען, ביז די אלטע וועלען אויסגעפיהרט ווערען. ערשט נאכהער וועל איך לאזען וויסען. פאר די אדווערטייזמענטס אין צייטונג וועל איך ניט זיין פאראנטווארטליך. אויב עס וועט ניט זיין אונטערגעשריבען מיין נאמען.

פאר אלע פריהערדיגע קאנטראקטען ביז דעצעמבער דעם 8־טען בין איך פאראנטווארטליך, און זיי וועלען פאזיטיוו אויסגעפילט ווערען, יעדער קען קומען זעהען די טעלעגראם

ביז מר. ה. דווארקין קומט צוריק בין איך דער ליגאל פארטנער, און אלע טראנסעקשאנס מוזען דורך געהן מיין האנט. איהר קענט זיך אויף מיר פארלאזען. אז איך וועל אלעס ריכטיג דורכפיהרען. אויסער די באשטימטע שטונדען וועלכע איך אדווערטייז, קענט איהר מאכען אן אפאינטמענט מיט מיין סעקרעטאר אין באצוג אונזער ביזנעס.

קיינער האט ניט קיין רעכט צו טון ביזנעס אין מיין נאמען אדער פון דער פירמא ע. און ה. דווארקין נאר איך און מיין ברודער.

אכטונגספאל ע. און ה. דווארקין

E. DWORKIN 525 Dundas St. W.

[illegible] דעצעמבער, 1920

1061—12—28)

1098

1061—12—28)

3394

13505—1—1)

3771—12—24

3591—12—10)

4855 W

Claude J Hall

202 Dundas W. Cor.

THE DAILY HEBREW JOU

H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of
—PUBLISHED BY—
CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., L
251 - 253 Queen Street West   Telephone Adelaide
Subscription Rates $6 Per Year, $3.50 Six M
Single Copy —3 cents.

Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto
January 22nd 1913

מען זוכט שוין ווידער נשמות

דאס קאנאדער אידענטום האט פיעל געליטען פון די נשמה-כאפער, מיסיאנערען - משומדים, וועלכע האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר זאך. פאר קיינע פארלוימדונגען און בלבולים, אבי צו קענען זיך איינ־ ען פאר די, וועלכע האבען געשטיצט מיט געלט זייערע מיסיאן-הייזער. טאראנטאר אידען געדענקען נאך גוט די שענדליכע מעשים, וואס די מיסיאנערען פלעגען דא אפטון, די שענדליכע פארלוימדונגען אויף אידען, וועלכע זיי פלעגען מאכען גאנץ אפט אבי צו קענען איינשמועסען מאנכע קריסטען, אז זיי באקעהרען אידישע נשמות. פון דער נגע צרעת פון דיזע מיסיאנערען האבען געליטען אלע קאנאדער אידישע קהלות. אבער די דורכ'ן קאמף וועלכער איז געפיהרט געווארען געגען זיי, אין דעם וואס די פרומע קריסטען האבען זיך דאך געכאפט, אז די מיסיאנערען נארען זיי, איז געלונגען די מיסיאנערען צו פארטרייבען, און דאס עס איז געבליבען איז אהן באדייטונג, אזוי אז מען קען זיי מיט שווייגענג פארביגעהן.

שפיל איז געוועזען וועגען זיי די לעצטע עטליכע יאהר — אבער אט זיי ווידער אויפגעשטאנען תחית המתים, און פון דעם אידישען ... פון די אידישע צרות זוכען זיי ווידער צו שלאגען קאפיטאל.

אין די לעצטע פינף - זעקס יאהר, כל זמן די קריעג איז אנגעגאנגען, און אין לאנד איז מעהר אדער ווייניגער געוועזען ארבייט, האבען די מיסיאנערען געוואוסט, אז קיינע פון זייערע אנשטעלען וועלען ניט העלפען, האבען זיי דארום דא איינגעפאקט זייערע נשמה - געשעפטען און זיך גע־ זוכען ערגעץ אנדערשוואו א גינסטיגערען באדען.

אבער אט האט זיך אנגעהויבען די איינוואנדערונג, און די מיסיאנערען ווייסען גאנץ גוט, אז א סך פון די עמיגראנטען זענען דערשלאגען צופלאז. און די מיסיאנערען האבען דארום זיי אויסגעקליבען אלס די, וועמען אנצופיהרען זייער נשמה - כאפעריי.

אין אונזער רעדאקציע איז דערהאלטען געווארען א קארטעל, וועלכע ווערט יעצט פון די מיסיאנערען צוטיילט צווישען די אנקומענדע עמיג־ די קארטלאך זענען אונטערגעשריבען פון א פארבאנד וועלכער רופט זיך — „דער וועלט בונד פון די משיחישע חברות פאר יונגע לייט" — זאגט אן די עמיגראנטען, אז ווען זיי זאלען ניט אנקומען זאלען זיי ווענדען זיך צו דער „יאנג מען קריסטשען אסאשיאישאן", וואו מען וועט אלעס טון פאר זיי, זיי לערנען ענגליש, געבען אינפארמאציעס, און אנדערע פארשיעדענע הילף.

אנשטאט אפען אנצופיהרען זייער מיסיאנערישע טעטיגקייט, באהאלטען זיך יעצט דיזע חברה אונטער פארשיעדענע נעמען, כלומרשט שטעלענדיג זיך אלס די, וועלכע זענען גרייט צו העלפען דעם ארעמען עמיגראנט, אבער די מטרות זייערע זענען קלאהר פאר יעדען. זיי זוכען כאפען פיש אין מוטנע וואסער, זיי זוכען ווידער איינצורעדען די אלטע קריסטליכע מיטלאך, אז זיי פאנגען נשמות פון די ניי - אריבער־ געקומענע.

זאלען זיך די אנקומענדע דארום ניט לאזען פארפיהרען פון זיי. זאלען זיי זיי ווייזען צוריק מיט פאראכטונג זייער אנבאט.

זאלען די מיסיאנערען ניט אויפגעריכט ווערען פון דער אידישער ערד.

ווילסאן און דער נאבעל פרייז

די גאנצע זאך פון דעם פריעדענס נאבעל-פרייז איז א קוריאז. פונ'ם געלט געמאכט פון דינאמיט מיט וועלכען אזוי פיעל מלחמות ווערען גע־ פיהרט, מיט'ן זעלבען געלד טיילט מען אויס פרייזען פאר פריעדען. און איז צו דעם קוריאז צוגעקומען נאך א צווייטער, וואס אלס דער בעסטער פריעדענס-פארמיטלער ווערט ערקלעהרט פרעזידענט וואדראו ווילסאן.

עס ווערט אלץ קלעהרער די שענדליכע ראליע וואס דער פרעזידענט האט געשפיעלט אי מיט אריינפיהרען אמעריקע אין דער מלחמה, און אי זיינע באמיהונגען צו פארמיידען קריעג. אפילו די „לוזיטאניא" געשיכטע ווערט יעצט פיעל קלעהרער. נאכדעם ווי בשעת'ן לעצטען פרעזי־ דענטס-קאמפיין האט דער ניו-יארקער „קאלעקטאר" פונ'ם ניו-יארקער האר־ באר מר. מאלאן ערקלעהרט וועגען דעם אז די „לוזיטאניא" האט געפיהרט אמוניציע. נאר מען האט ניט געלאזט פארעפענטליכען די ניעס.

און ווילסאנס פריעדען מיט וועלכען ער האט באשאנקען די וועלט איז צו טרויעריג באוואוסט, — און דער נאבעל פרייז פאר פריעדען ווערט איהם צוגעטיילט.

איין עבירה שלעפט נאך מיט זיך א צווייטע עבירה, האבען אמאל די אידישע חכמים געזאגט. און איין מאדנער קוריאז ברענגט מיט זיך אויך א צווייטען קוריאז.

האט אמאל עקס-קייזער ווילהעלם אפילו געחלומ'ט אז ביי איהם אין הויז זאל פארקומען א אידישע חתונה?

די ארבייטסלאזיגקייט אין שטאדט איז שוין מעהר ניט קיין זאך פאר דיסקוסיע.

מען קען עס שוין אנזעהן אויף א גרויסען מאסשטאב.

אז מען הערט שוין וועגען דעם, אז דייטשלאנד וויל אויסכאפען דעם ... איז נאך א באווייז אז מען זוכט שוין צו כשר'ען די זאך ... מיט סאוויעט - רוסלאנד.

ווערט זיין אמאל שלום צווישען פוילען און רוסלאנד?

פון בן לוי.

אין ריגא זיצען איצט די שלום דע־לעגאציעס פון סאוויעט רוסלאנד און די פון פוילען און פארהאנדלען וועגען א ענדגילטיגען, דויערהאפטען שלום און די עלאים פרעסע איז פול מיט אנזאגונגען און אנטאנגען, אז עס וועט פון דיזער קאנפערענץ זיך גארניט אויסלאזען און עס וועט ניט קומען צו קיין שלום.

וועגען דעם, אז די פריעדענס פארהאנדלונגען אין ריגא זיינען שוין אפגעבראכען געווארען, זיינען געווען מעלדונגען א פאר מאל. איין מאל, שיינט דא, האט דאס טאקי געהאלטען גאנץ נאהענט פון דעם. דער פארזיצענדער פון דער סאוויעט דעלעגאציע, יאפע, האט געמוזט געבען אן אולטימאטום דער פוילישער דעלעגאציע, אז די פוילישע ארמייען זאלען זיך צוריקציהען צו די באשטימטע גרעניצען און ער האט ניט באנייט די פארהאנדלונגען ביז וואנען ער האט געקראגען א ידיעה פון מאסקווע, אז די פוילישע רעגירונג האט אויסגעפאלגט דעם וואפענשטילשטאנד אפמאך. אזוי צי אזוי שיינט דאס, אז גאנץ גלאט געהט די געשיכטע ניט צו אין ריגא, אז גאר קיין גרויסער שלום הערשט ניט אויף דיזער שלום קאנפערענץ.

די פוילישע רעגירונג האט דורך איהרע אגענטען אין אמעריקא אפיציעל אפגעלייקענט די אלע קלאנגען וועגען דעם אויסגעשריגענעם צוזאמענברוך פון די ריגא'ער פארהאנדלונגען. די פוילישע רעגירונג, ווערט געזאגט אין דיזער אפיציעלער אפלייקענונג, האלט זיך איצט אן א שטרענגער פרידליכער פאליטיק און וויל שליסען פרידען מיט סאוויעט רוסלאנד. און עס ווערט צוגעגעבען, אז די ריגא'ער פארהאנדלונגען געהען צו זעהר און זעהר געראטען, און ערפאלגרייך. אפער פון דאס ביסעל, וואס מען קריגט צו וויסען פון מאסקווע שיינט דאס, אז עס איז גאר ניט אזוי געראטען און אודאי ניט אזוי ערפאלגרייך. אין איינעם פון זיינע באריכטען צו דער העכסטער מאכט אין רוסלאנד, דער צענטראלער קאמיטעט פון די סאוויעטען, האט יאפע גאנץ אפען געזאגט, אז ער איז ווייט ניט זיכער, אז פוילען, דאס הייסט די פוילישע רעגירונג, מיינט עהרליך און ערנסט מיט דעם שלום אפמאך. ער האט געבראכט איין פאקט, וואס באשטעטיגט זיין חשד. די פאליאקען האבען פארנומען מאלאדעטשנא און מינסק, באלד ווי עס איז אונטערגעשריבען געווארען דער וואפענשטילשטאנד אפמאך. זיי האבען דערביי געפונען א דרוידעל, וואס האט זיי דערצו בארעכטיגט, אזוי צו זאגען געזעצליך, עס האט געהייסען, אז זיי האבען גענומען זעקס טעג צייט אויף דעם און זיי האבען דיזע זעקס טעג אויסגענוצט פאר נעהמען נאך טעריטאריע. אבער די זעקס טעג זיינען געגעבען געווארען פאר דעם צוועק צו געבען א מעגליכקייט די פוילישע קאמאנדירען צו לאזען וויסען איבעראל וועגען דעם וואפענשטילשטאנד אפמאך. און ווען איינער כאפט זיך אן א דרוידעל, דאן איז ער אפשר א כיטרער יונג, אבער פאר קיין פאל ניט קיין עהרליכער.

ווערט פוילען שליסען א דויערהאפטען און ערנסטען פרידען מיט רוסלאנד? יאפע צייגט אז אויף דעם איז זיין ענטפער: אי יא, אי ניט. עס ווענדעט זיך, ווער עס וועט בלייבען שטעהן ביי דעם רודער פון דער פוילישער פאליטיק, וועלכע פארטייען עס וועלען פארבלייבען אין זאטעל דארט. וועלען פארבלייבען די דעמאקראטען, דאן איז צו האפען אויף שלום, וועלען די רעאקציאנערען נעהמען די איבערהאנט, דאן קען קיין רייד ניט זיין וועגען א דויערהאפטען פרידען צווישען פוילען און רוסלאנד.

פוילען לעבט איצט דורך א שרעקליכען קריזיס. די צורודערונג אין לאנד דארט, דער גרויסער עלענד און הונגער, וועלכען די פוילישע פארטרעטער לייקענען אפילו ניט, די קראנקהייטען, וואס הערשען דארט ניט אויף צו פושעווען, די עפידעמיעס, וועלכע האבען דארט אנגענומען א פארמע פיעל ערגער ווי אין סאוויעט רוסלאנד, די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט — דאס אלע טראגט אין זיך די זריעה פון א גרויסען אויסברוך, פון אן אנקומענדער שרפה. פוילען איז שוין איצט פארשולדיגט איבער די אויערען און אזוי ווי מען מוז אנקומען צו מעהר הלוואות און אזוי ווי מען מוז זיך אויספיינען פאר דער וועלט, מוז מען באצאהלען כאטש די פראצענטען אויף די הלוואות און דאס איז אזא ריזיגע סומע, אז דאס פוילישע פאלק קען דאס ניט איבערטראגען. מיט א נעפאלענער אינדוסטריע, מיט א געשלאגענעם האנדעל, האט די פוילישע רעגירונג איין קוואל נאר, פון וואנען זי קען ציהען איהרע איינקינפטען — דעם פויערים קלאס. אבער דער פוילישער פויער איז אויך ניט רייך איצט און ווען ער דארף צאהלען וועלכע אונגעהויער גרויסע צינזען און פראצענטען אויף אלץ, פארשטעהט זיך, אז ער איז ניט צופרידען. די פויערים פארטיי פון פוילען קעמפט דארום ערנסט פאר א דויערהאפטען פרידען מיט סאוויעט רוסלאנד. די מלחמה האט געקאסט דעם פוילישען פויערען קלאס צופיעל בלוט און קאסט איהם ביז איצט צופיעל צינזען. א פריע מלחמה געגען סאוויעט רוסלאנד וועט נאך מעהר ארויסצאפען די ארבייטענדע קראפט פון פוילישען דארף און וועט פון איהם צונעהמען די לעצטע בהמה און דעם לעצטען פערד.

דער פוילישער ארבייטער האט אויך קנאפען חשק צו געהן אין קריעג. פארגיסען בלוט וויל קיינער ניט סיידען אזעלכע וואס ווערען אנגעצונדען פון דעם פייער פון שאוויניזם, אבער מיט דיזען פייער קען מען שוין ניט אנצינדען די פוילישע ארבייטער. סאוויעט רוסלאנד וויל קיין טעריטאריע ניט פארכאפען פון פוילען. פוילען האט איצט געקראגען פיעל מעהר טעריטאריע, ווי איהרע שאוויניסטען האבען זיך געקענט ריכטען און קיין נאציאנאליסטישע אישוי האט די פוילישע רעגירונג ניט. די מייסטע פיהרער פון די פוילישע ארבייטער זיינען ניט פאר דעם באלשעוויזם און עס זיינען דא צווישען זיי פיעלע, וואס זיינען אויסגעשפראכענע געגנער פון דעם. אבער איין זאך איז זיכער, אנצושרעקען די פוילישע ארבייטער מיט די מעטערפאלגען פון דעם באלשעוויזם, ווי מען קען דאס טאן אין אזעלכע לענדער ווי ענגלאנד, אמעריקא און אזוי ווייטער, קען מען ניט מעהר. ביי זיי אין לאנד איז דא דעמאקראטיע מיט אלע קליפערלאך און מעהר ווי דאגע און הונגער - טויט זעהען זיי ניט.

אבער פאר די פוילישע רעאקציאנערען און פאר די פוילישע לאנד - אייגענטימער איז דער באלשעוויזם נאך אלץ דער גרויסער געשפענסט, פון וועלכען זיי קענען זיך ניט באפרייען. ווען מען זאל לאזען סאוויעט רוסלאנד צורוה און די לאגע זאל זיך דארט איינשטעלען, אין דער ארבייטער און דער פויער דארט זאלען זיך פיהלען גוט, וועט דאס זיין א קנאפער נחת פאר די פוילישע לאנד אייגענטימער און פאר די צעהנדליגע טויזענטע פוילישע יונקערס, וועלכע געהן האנט אין האנט מיט די לאנד אייגענטימער. פאר זיי לוינט זיך ניט א פרידען מיט סאוויעט רוסלאנד, ווארום א פרידען מיינט פאר די יונקערס בלייבען אהן ארבייט און פאר די לאנד אייגענטימער ווארשיינליך בלייבען אהן זייערע גיטער.

סאוויעט רוסלאנד וויל פרידען און דארף פרידען. די סאוויעט רעגירונג האט דאס באטאנט אין אלע איהרע ארויסטרעטונגען און האט דאס באוויזען מיט אלע איהרע טאטען. די פוילישע ארבייטער און די פוילישע פויערים דארפען אויך פרידען און האבען דאס אויך באטאנט ביי אלע זייערע ארויסטרעטונגען אין פוילישען סיים. אבער מען קען כלל ניט זיין זיכער, אז די רעגירונג אין פוילען זאל זיין אין די הענט פון די פוילישע ארבייטער און פויערים און מען קען דערפאר כלל ניט זיין זיכער, אז די מלחמה צווישען פוילען און סאוויעט רוסלאנד האט זיך שוין געענדיגט אויף אלע מאל. די פוילישע רעגירונג פארזיכערט, אז זי מיינט ערנסט מיט דעם פרידען און שווערט, אז זי האט גאר קיין אנדער פאליטיק ניט אויסער פרידען. אבער צו שטארק גלויבען איהר קען מען ניט און די קלאנגען, וואס קומען אפט פון ריגא וועגען דעם, אז די פרידענס פארהאנדלונגען האלטען זיך ביי איבעררייסען, ענטהאלטען א שטיקעל אמת יעדענפאלס. זאל זיך נאר פילסודסקי און גראבסקי און די אנדערע דערפיהלען א ביסעל פעסטער, זאלען זיי נאר אויסגעפינען, אז זיי וועלען ניט באגעגנען קיין ווידערשטאנד זייטענס די ארבייטער און פויערים מאסען, און זיי וועלען זיכער אנפאנגען א נייע אפענסיווע געגען סאוויעט רוסלאנד.

פרידענס אפמאכען, ווי אפמאכען אין אלגעמיין, זיינען ניט מעהר ווי שטיקלאך פאפיר. די דייטשען זיינען ארויסגעקומען מיט דיזען ווערטעל „שטיקלאך פאפיר" אין אנפאנג פון קריעג און באזונדערס פון דעם אזוי גערופענעם שלום האבען איהם אלע אנגענומען. פרידענס אפמאכען האלטען זיך אויף דעם ווילען פון פאלק, אין וועמעס נאמען מען שרייבט זיי אונטער און אין דעם ליגט דער שווערער פונקט פון דער לאגע. דעם ווילען פון רוסישען פאלק ווייסען אלע. דאס רוסישע פאלק וויל זיינע פארבאנגנען ניט און, פאקטיש, וויל ער שלום. דער ווילען פון פוילישען פאלק, אויף אזוי פיעל, ווי ער האט זיך ארויסגעוויזען לעצטענס, איז אויך פרידען. אבער די פוילישע שליאכטע און די פוילישע יונקערס ווילען זיכער, אז דער קריעג זאל פארטגעזעצט ווערען, ווענדעט זיך איצט ווי לאנג דאס פוילישע פאלק וועט קענען ארויסצווינגען זיין ווילען אויף דיזע פיהרער זיינע.

אויסער דעם איז נאך דא א פראנקרייך און אפשר גאר א פאר עלאים פאר וועמען עס לוינט זיך ניט, אז עס זאל זיין א דויערהאפטער פרידען צווישען פוילען און סאוויעט רוסלאנד, און דיזע כוחות שטילען זיך ניט און שווייגען ניט. אבער וועגען דיזע כוחות אן אנדערש מאל.

היימלאנד און בוך-לאנד

(עטליכע ווערטער וועגען בית דפוס ירושלים).

פון לעאן זאלאטקאף

אין דער אידישער פרעסע איז לענגער צוריק פארעפענטליכט געווארען פאלגענדע קייבעלגראם פון ירושלים:

דער פלאן צו פאראייניגען די אמעריקאנישע חברה „בית הדפוס ירושלים" מיט דער פעטראגראדער חברה „קרית ספר", וואס זייער ביידענ'ס צוועק איז צו עטאבלירען אין ירושלים א מאדערנע דרוקעריי מיט א גרויסען ביכער - פארלאג, איז אנגענומען געווארען ביי א מיטינג פון פארטרעטער פון ביידע צדדים. די פארטרעטער פון דער פעטראגראדער חברה, מר. ש. זאלצמאן און מר. י. ל. גאלדבערג, צוזאמען מיט די אמעריקאנישע מעמבערס פון דער פאלעסטינא קאמיסיע, ד"ר. הערי פרידענוואלד, מר. א. וו. לעווין - עפשטיין, מר. ראבערט סאלד, און מר. דזשייקאב דע האאז אלס סובסקרייבער און טראסטים פון „בית הדפוס ירושלים", האלטען איצטער אין אויסארבייטען די פרטים פון דער פאראייניגונג. דערווייל איז געגרינדעט געווארען די טעגליכע צייטונג „חדשות הארץ", און א פאסענדער פלאץ ווערט געזוכט נאהענט ביי דעם פלאץ פון דעם אוניווערזיטעט, וואו אוועקצושטעלען דעם בנין פון „בית הדפוס ירושלים".

כדי דער דורכשניטליכער לעזער, וואס איז ניט גוט פארטרויט מיט די זאכען, פון וועלכע עס רעדט זיך אין דער קייבעלגראם, זאל באגרייפען די גאנצע וויכטיגקייט פון דעם ענין און ווי ווייט דאס גרייכט, וועט ניט איבעריג זיין צו געבען א קורצע ערקלעהרונג איבער דער לאגע פון דעם אידישען ספר אין אלע לענדער בכלל, און אין ארץ ישראל בפרט.

פאר דער מלחמה, ווען די גרויסע דרוקערייען אין ווילנא, ווארשא און אנדערע מקומות האבען נאך עקזיסטירט, איז די פראדוקציאן פון העברעאישען ספר אויך געווען אין א פארשימעלטען צושטאנד. וועהרענד אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט האט די גאנצע ספרים - פראדוקציאן געמאכט געוואלטיגע פארטשריטע בנוגע צו דער קונסט - זייט פון דער אינדוסטריע, האבען די אידישע דרוקער און פארלעגער געמאכט זיך ניט וויסענדיג פון די מאדערנע איראפעאישע מעטאדען.

די רעליגיעזע ביכער אין די ספרי רומ"ל — (תנ"ך, משניות, ש"ס, סדורים, מחזורים, א. ז. וו.) — זיינען מייסטענס געדרוקט געווארען פון אלטע סטערעאטיפען, און ארויסגעגעבען געווארען אויף דעם ביליגסטען אופן, וואס קען נאר געבען, אהן די קלענסטע נייגונג צו אויסערליכע שעהנקייט, אדער אנציהונג. ניט פיעל בעסער איז עס צוגעגאנגען מיט מאדערנע ביכער אין העברעאיש. בנוגע צו ספרי חינוך האבען עלטערען און לעהרערס באגעגנט די גרעסטע שוועריגקייטען, ראשית, אין דעם מאנגעל פון ביכער, און צווייטענס, אין דעם אונעסטעטישען אויסזעהן פון די העברעאישע ספרים. דאס יינגעל אדער מיידעל, וואס האבען געזעהן די שעהנע ביכער אין אנדערע לשונות, האבען ניט געקענט געווינען קיין אכטונג אדער ליבע צו דעם „שלומפערדיגען" אויסזעהן פון די העברעאישע ספרים.

אויב פאר דער מלחמה איז דער צושטאנד פון העברעאישען ספר געווען שלעכט, איז ער איצטער גאר טראגיש. דער העברעאישער ספר איז איבערהויפט כמעט פארשוואונדען. די מלחמה מיט די מיטבען - גירושים און די פאגראמען האבען צושטערט אי די דרוקערייען אי די ספרים. אין רוסלאנד, אין פוילען, אין רומעניען, און גאליציען איז איצטער שווער צו געפינען א תנ"ך, א גמרא אדער א ספר לימוד. און עס איז קיין אויסזיכט ניטא, אז אין די נעקסטע צענדליגע יאהרען זאל געשאפען ווערען אין דעם צוריסענעם רוסלאנד, אדער אנדערש וואו אין איראפא א צענטער פאר די פראדוקציאן פון אידישע ספר.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, דאס אין אידישע מוחות אין רוסלאנד, אזוי ווי אין אמעריקא איז כמעט גלייכצייטיג אויפגעקומען דער געדאנקען וועגען די נויטווענדיגקייט צו שאפען א העברעאישען דרוק - צענטער. און דאס דער איינציגער פלאץ, וואו דער צענטער פאר די פראדוקציאן פון דעם העברעאישען בוך דארף, קען, און זאל געשאפען ווערען איז ארץ - ישראל.

קיינער צווייפעלט ניט מעהר, דאס פאלעסטינא איז באשטימט צו ווערען דער גייסטיגער צענטער פון אידענטום. צי די איינוואנדערונג נאך ארץ - ישראל וועט זיין גרעסער אדער קלענער — זיכער איז, אז אין פארלויף פון די נעקסטע פאר צענדליג יאהר וועלען גרויסע מאסען אידען לעבען אין ארץ - ישראל און אין די אומגעבענדע שטעט פון קליין אזיען. אין ארץ - ישראל איז איצטער געלייגט געווארען דער יסוד פאר א העברעאישען אוניווערזיטעט, און די שולען אין ארץ - ישראל האבען לאנג שוין געשאפען א העברעאישע אטמאספערע, וואס איז שטארק מסוגל צו דער פראדוקציאן פון דעם העברעאישען בוך.

אין פעטראגראד האט זיך אין 1918 געגרינדעט א חברה „קרית ספר" מיט דעם צוועק צו גרינדען א גרויסע דרוקעריי און א ביכער - פארלאג אין ירושלים. איינפלוסרייכע און פארמעגליכע רוסישע אידען האבען זיך פארשריבען אויף באדייטענדע סומען, און די ארבייט פון בויען דאס הויז האט געזאלט אנפאנגען. דא איז געקומען די באלשעוויסטישע רעוואלוציע און האט אפגעשניטען רוסלאנד פון דער וועלט. און פון דעם פלאן דערווייל גאר ניט געווארען.

און אין דער זעלבער צייט, וואס די „קרית ספר" איז געגרינדעט געווארען אין פעטראגראד, האט זיך אין אמעריקא געגרינדעט דער „בית הדפוס ירושלים" מיט דעם זעלבען צוועק, ווי דער „קרית ספר". די געזעלשאפט האט זיך אינקארפארירט מיט דעם פלאן צוזאמענצוברענגען א קאפיטאל פון צוויי הונדערט טויזענט דאלאר, דורך פיער טויזענט שערס פון פופציג דאלאר א שער, מיט 2 דאלאר אויף יעדען שער.

אזוי שנעל ווי די ביידע סאסייעטיס האבען ערפאהרען איינע פון דער צווייטער, איז ביי ביידען גלייך ארויסגעקומען דער געדאנק, דאס זיי מוזען זיך פאראייניגען. יעדער איינציגער באגרייפט, דאס א צענטער צו פראדוצירען העברעאישע ספרים מוז האבען די גייסטיגע שטיצע פון מזרח - איראפעאישען אידענטום; וועהרענד אמעריקא האט די בוכדרוקעריי ענטוויקעלט צו א מדרגה, פון וועלכע רוסלאנד האט אפילו ניט געקענט חלומ'ען, און די דרוק - מאשינען מיט אלע מכשירים צו א מאדערנער גוט - אויסגעשטאטעטער דרוקעריי מוז קומען פון אמעריקא.

און טאקע די פאראייניגונג פון די צוויי ארגאניזאציעס צו שטאנדע געקומען און דאס איז די באדייטונג פון דער קייבעלגראם, וואס איז געדרוקט אין דעם אנפאנג פון דיזען ארטיקעל.

די ביידע ארגאניזאציעס וועלען ארבייטען אונטער דעם נאמען „בית הדפוס ירושלים".

וועגען דעם פינאנציעלען מצב פון די ביידע סאסייעטיס אין דעם איצטיגען אויגענבליק קען מען מעלדען פאלגענדעס:

די פעטראגראדער חברה, וועלכע האט געשיקט נאך פאלעסטינא מר. ש. זאלצמאן און מר. י. ל. גאלדבערג, איז אבגעריסען געווארען פון ארץ - ישראל דורך דעם רוסישען באלשעוויזם, אבער די ביידע שלוחים האבען באוויזען צוזאמענצוטרייבען אין ארץ - ישראל גאנצע פיער טויזענט פונט (צוואנציג טויזענט דאלאר) און האט הערוויילע געגרינדעט די טעגליכע צייטונג „חדשות הארץ" אין ירושלים.

דער „בית הדפוס ירושלים" אין אמעריקא האט דערווייל צוזאמענגעבראכט אין סובסקריפשאנס פאר שערס אן ערך פינף און דרייסיג טויזענט דאלאר.

ביי דער פאראייניגונג פון די ביידע ארגאניזאציעס איז תיכף באשטימט געווארען א קאמיטע, וואס באשטעהט פון באלטימאר: מר. א. וו. לעווין - עפשטיין, מר. ש. זאלצמאן און מר. גאלדבערג צו געפינען א פאסיגען פלאץ אין דער געגענד, וואו דער אוניווערזיטעט וועט געבויט ווערען, כדי וואס גיכער אנצוהייבען צו בויען.

און דא אין אמעריקא איז אין שיקאגא געהאלטען געווארען א מיטינג פון סובסקרייבערס צום „בית הדפוס ירושלים". נייע אפיסערס און טראסטים זענען געוועלט געווארען און א קאמיטע וועט באשטימט ווערען צו אונטערהאנדלען מיט עקספערטען אין דעם דרוק - פאך וועגען צוזאמענשטעלען די מאשינען מיט אלע מכשירים, מיט א בוך - בינדעריי, צינקאגראפיע, ליטאגראפיע, רעפעיר שאפ און אלע אנדערע זאכען וואס זיינען נויטיג צו מאכען דעם עסק זעלבסשטענדיג אין גאנצען. עס וועלען אויך געזוכט ווערען עקספערטען - מעכאניקער און די אלע מאכען, וואס זאלען קענען ארבייטען

(פארזעצונג אויף זייט 6)

מענשען אין אפגרונד ✤ ראמאן

פון יעקב פינגערמאן
אידיש פון א. ריינגוויין
ישראל זאנגוויל געווידמעט

(גייט אין צוואנציגסטע פארזעצונג)

דער אויבערקאמיסאר האט צוגעווארפען: „שעהן, די טומעל-מאכער האט מען אפגערוימט, אבער זענט איר זיכער הער אבערסט, אז דאס איז שוין אלעס? ווייסט איר צו עס זיינען ניטא קיין מענשען אין דיזער שטאדט, אין יענעם דארף אויף דעם און דעם גוט אדער פאלווארק, וועלכע ארבייטען גאנץ שטיל אהן שום גערויש, און זיי פארבארייטען א קאמף געגען דער אקופאציאנס ארמיי. קענט איר נעהמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט וועגען דעם?"

דער אבערסט האט זיך אפגעווישט דעם שווייס פון שטערען. ער איז געווארען זעהר בלאס, און זיין שנורבארד איז ארונטערגעהאנגען. „עס טוט מיר כמעט וועה. לעכערליך, וואס מען קען אין ווייטען גלויבען, און דא זאלען מיר נאך ניט האבען באמערקט? אונזער אבער זוכט, ליעבער פריינד, פיליכט וועט איר געפינען —" זיין פנים איז געווארען לעבעדיגער — „עס קען שוין זיין א שעהנער אויפשטאנד וועלכען מען זאל דארפען אונטערדריקען" ער האט אויסגעגלייכט די שפיצען פון זיין בארד און אויסגעפייפט: „איך קען ניט ווארטען אינ'ם הויזענגארטען."

דער אויבערקאמיסאר איז אויפגעשטאנען: „א הערצליכען דאנק, הער אבערסט. מיינע פאפירען האט איבערגענומען דער אויבערלייטענאנט פראנשאסקא. איך פאהר אונטערן נאמען פרידריך ניימאן, א סוחר פון ווין. אזוי שנעל ווי איך וועל זיך נאר אנשטויסען אין א שפור, וועל איך ניט פארפעהלען גלייך אייך צוצושיקען מעלדונג וועגען דעם."

„האט איר שוין א וואוינונג? איר קענט פארפאהרען אינ'ם אפיצירסקי האטעל."

„א שהענעם דאנק, דאס איז ניט ראטזאם, איך בין דער סוחר ניימאן באווארנט מיט א ריכטיגען פאספארט פון דעם וויענער פאליציי אמט, וועלכער איז געקומען אהער איינצוקויפען גרויסע סחורות, און איך וועל עס דארום איבערלאזען צום צופאל, צו קריגען א וואוינונג."

דער אבערסט האט צופריעדען געשמייכעלט: „אה, די וויענער! שלוי ווי זיי זיינען . . . גוט, גוט, ליעבער פריינט, עס וועט מיך פרעהען, פיעל גליק!"

דער סוחר ניימאן האט גענומען א דראזשקע און איז צוגעפאהרען צום וואקזאל, וואו ער האט געהאט געלאזט זיין באגאזש. פון די פיעלע געפעקשטיקער האט ער אויסגעקליבען זיין גרויסען מיט אייזען באשמידטען קופערט און א גרויסען רייזע-טאש, און ער האט שוין געוואלט צוריק ארויפשטייגען אין דער דראזשקע, ווען אן אלטער איד איז צו איהם צוגעלאפען. „דער הער איז דא א פרעמדער", האט ער אים געפרעגט אין א צובראכענעם דייטש.

„יא".

„איר זוכט א האטעל?"

„מען האט מיר אויף דער רייזע רעקאמענדירט דעם האטעל פאלאניא", האט ניימאן געענטפערט.

„עס איז שמוציג, שמוציג, ליעבער הער, עס איז גישט פאר אזא פיינעם פארנעהמען הער."

„איך בין ניט קיין פארנעהמער הער," האט ניימאן געענטפערט, „איך בין נאר א סוחר און איך זוך אן איינפאכען און ביליגען צימער."

„איך פארשטעה — ביליג, שפאטביליג אבער ניט אין פאלאניא. פאלאניא איז שמוציג און טייער. איך וועל אייך בעסער אנדערשוואו אוועקפיהרען. אין אהרנ'ס האטעל, ריין, נאר צו שפיגלען זיך, ביליג און א כשר'ע קיך".

„אזוי, אזוי, א כשר'ע קיך", האט ניימאן אמוזירענדיג זיך איבערגעזאגט. „גאראנטירט איהר פאר דעם?"

דער אלטער האט די הענט אויפגעהויבען ווי ער וואלט געשווארען: „א שאלה, אפילו א רב וואלט דארטען אויך געקענט עסען אהן שום חשד".

„אלזא פאהרען מיר!" האט ניימאן געשלאסען די דעבאטע. דער איד האט זיך געזעצט לעבען קוטשער, און די דראזשקע האט זיך גערירט פונ'ם פלאץ.

(ווערט פארגעזעצט)

אין „פאלים קאורט"

א מעשה מיט א הינטעל.

א הונט, ניין, א קליין הינטעל מיט שווארצע און ווייסע פלעקען האט ארויסגעהאפען א סך היים בלוט ביי צוויי אידען, ריכטיגער געזאגט, ביי א אידען און א אידענע און פארשאפט א סך שפאס די געריכטס - בעאמטע.

ישראל פלעגער איז אנגעקלאגט פאר גנבה. וואס האט ער גע'גנב'עט, געלט, צירונג? ניין, א קליין הינטעל. אבער דער איד זאגט, אז ער האט דעם הינטעל אויך ניט גע'גנב'ט. אט איז זיין טאכטער און אט איז דער הינטעל און זאל זיין טאכטער און זאל דער הינטעל זאגען אדער האווקען, אויב דער הינטעל האט זיך ניט אויפגעהאדעוועט ביי איהם אין הויז.

טענה'ט די טאכטער: — יור אנער, שוין פינף מאנאטען, אז מיר האבען דעם הינטעל, אויף מיינע הענט זיך אויפגעהאדעוועט. און תוך כדי דבור דערזעהט די מיידעל איהר פארוואנדשאפט מיט'ן הינטעל: "באס, באס, קאם היער!" און דער הינטעל לויפט צו, לעקט איהר די הענט און דרעהט צופרידען מיט'ן עק. די מיידעל קוועלט, דער טאטע לאכט, דער קראון אטוירני קייכט, און דער ריכטער האלט זיך ביי די זייטען.

טענה'ט אבער דארא מאשעטעבערג, אז ס'איז איהר הינטעל און דער איד האט איהם צוגע'גנב'עט. און אט איז מיין זעלט - יעהריגער זוהן און אט איז דער הינטעל און זאל מיין זוהן זאגען און זאל דער הינטעל האווקען, אויב מיר האבען ניט געהאט דעם הינטעל פון לעצטען קריסטמעס אן. און תוך כדי דבור גיט די פרוי א קנאק מיט די פינגער, א ווינק מיט די אויגען און א פייף מיט'ן מויל: "נעלי, נעלי" קאם היער!" און באס - נעלי איז שוין לעבען איהר, דער אינגעל באפט דעם הינטעל און צישרייט זיך: "מאי דאגי, מאי דאגי!"

וויינט דער אלטער ריכטער אויס די געלעכטער - טרעהרען און זאגט צו דער פרוי:

— געה און קלאג איהם אין דיוויזשאן קאורט. איך וויל ניט אורטיילען אין אזא וויכטיגע פראגע.

און דער קראון אטוירני לאכט: — ווענסט באצאהלען פינף דאלאר פאר א לייסענס, קענסטו האבען דעם הינטעל.

— גאט, גאט — שטופט די פרוי דעם קראון אטוירני דאס געלט.

דערווייל אבער האט דאס אינגעל ארויסגעלאזען דעם הינטעל און די ספריט [illegible] דעל האט איהם אנגעכאפט און איז שנעל ארויס מיט איהם פון געריכט. שטעהט די פרוי א פארלארענע, א צוטומעלטע, א פארצווייפעלטע, ממש איהר לעבען עקט זיך.

— וואס וועל איך איצט טאן, זי איז דאך אוועק מיט'ן הינטעל, וועה איז מיר!

און דער אינגעל באווינט זיך מיט טרעהרען: "מאי דאגי, מאי דאגי!"

פארוואס ער איז באפרייט געווארען.

דזשאזעף טרעסנאק איז אנגעקלאגט געווארען פאר גנבה און ער האט אנגעשטעלט א לאיער צו פארטיידיגען איהם. האט דער לאיער געזוכט און געגישטערט אין די געזעץ-ביכער, אבער ער האט ערגעץ ניט געקענט געפינען קיין זכות פאר זיין קליענט. די געזעץ-ביכער האבען געזאגט בפירוש, אז ווען איינער גנב'עט האלז - טיכער פון איטאן'ס סטאר און לולקעס פון סימפסאן'ס סטאר מוז ער קריגען א פסק.

האט דער לאיער צוגעמאכט די פארשימעלטע ביכער און גאר אהן לאנגע זוכעניש, האט ער געפונען שטארקע פארטיידיגונגס ארגומענטען אין דעם לעבען גופא, וועלכע ער האט געבראכט אין געריכט און אוועקגעזעצט זיך אויף א שטול.

— דאס זיינען מיינע איינציגע ארגומענטען פאר זיין באפרייאונג — האט דער לאיער אנגעוויזען דעם ריכטער אויפ'ן שטול, וואו עס איז געזעסען דעם אנגעקלאגטען'ס פרוי מיט צוויי קליינטשיקע אויף ביידע הענט.

— איך וועל דיך באפרייען — האט דער ריכטער געזאגט צום אנגעקלאגטען נאך א קורצען נאכדענקען — און אט זיינען מיינע גרינדע פארוואס איך טו עס. ערשטענס, ווייל דאס איז דיין ערשטער פארברעכען. צווייטענס, אויס רחמנות צו דיינע צוויי קליינינקע קינדער, וועלכע וועלען אומזיסט און אומגעשטראפט[?] ליידען, ווען איך וועל דיר פארשיקען. און דריטענס, אויס סימפאטיע מיט דיין פרוי, וועלכע האט אזא נאר פאר א מאן.

דער אנגעקלאגטער איז א פארשעמטער מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ ארויס פון געריכט.

מיט איינעם מעהר אדער מיט איינעם ווייניגער.

הערבערט ראדזשערס האט באגאנגען פיער גנבות, איינשליסענדיג די גנבה פון אן אויטאמאביל און דער ריכטער האט איהם געמוזט באשטראפען. אבער דער גנב איז נאך זעהר יונג און דער ריכטער האט זיך אויף א מאמענט פארגנב'ט א צווייפעל צי עס וועט עפעס גוטעס דערגרייכט ווערען מיט דער באשטראפונג.

— איך מוז איהם געבען צוויי יאהר אין קינגסטאן פעניטענשערי, אבער איך ווייס ניט צי דערמיט וועט ווערען מיט איין גנב ווייניגער, אדער מיט איינעם מעהר — האט דער ריכטער ארויסגעזאגט זיין צווייפעל.

זיין אייגענע שולד.

דזשיימס האשקינס איז שוין עטליכע מאל באפרייט געווארען פון א "וועגרענסי" קלאגע אויף זיין צוזאג, אז ער וועט זיין גוט און פרום, אבער נעכטען איז ער ווידער געבראכט געווארען אויף דער זעלבער קלאגע.

— ער איז א ליידיגעהער און א שנארער און וויל ניט ארבייטען — האט אינספעקטאר מעקיני געוויזען דעם ריכטער האטשקינ'ס פאספארט.

— איך האב געקראגען פאר איהם א "דזשאב" — הויבט זיך אן דער "גענעראל" פון "סאלוויישאן ארמיי" — און ער וויל ניט ארבייטען.

— איז עס זיין אייגענע שולד, ווען ער וועט איצט דארפען זיצען זעקס מאנאטען אין בירוראוש פריזאן און טאקע ארבייטען דארט אויך — זאגט דער ריכטער.

דער „הבונה" און זיין פארשטעהענדע טעטיגקייט

דער לאנדאנער פארטרעטער פון א. ק. ב. באריכטעט:

דעם לעצטער פון אידישע צייטונגען איז ניט איינמאל אויסגעקומען צו טרעפען אין דעם צוזאמענהאנג מיט דער פארשטעהענדער אויפבויאונגס ארבייט אין ארץ ישראל דעם נאמען: "הבונה", שוין דער נאמען אליין "הבונה" באווייזט, אז די געזעלשאפט האט די אויפגאבע צו בויען. וואס געהט זי אבער בויען? וואס איז דער אומפאנג די אויפגאבע און די פלענער, די באדינגונגען פון אט דער געזעלשאפט?

ווי אזוי עס זאל זיך ניט אנטוויקלען דער ווייטערדיגער גאנג פון דער פארשטעהענדער אידישער אימיגראציע קיין ארץ - ישראל, צי וועט זיין א לאנגזאמע, אבער סיסטעמאטישע, צו א מאסענהאפטע, דאס ברענגט ארויין אין לאנד מיט אמאל טויזענטער נייע אימיגראנטען, איין זאך איז קלאר: עס מוזען צוגעגרייט ווערען און געניגענדער באס הייזער, וועלכע זאלען אט די אלע נייע אנגעקומענע געבען די מעגליכקייט זיך איינצוארדנען און צו זוכען זיך צו ענטוויקלען די קאמערציעלע, אינדוסטריעלע אדער אגריקולטורעלע ארבייט אין לאנד.

מען קאן ניט ערווארטען, אז די נייע - אנגעקומענע זאלען דעם ערשטען דראנג פון זייער ענערגיע אפגעבען אויף איינארדנען זיך די עלעמענטארע באדערפנונגען פון מענשליכען לעבען — א הויז וואו צו וואוינען. די ארבייט מוז געמאכט ווערען [illegible]. א רעספעקט אקטואליטעט באקומט נאך די אויפגאבע, ווען מען נעהמט אין באטראכט דעם פאקט, אז די הייזער - פראגע איז שוין יעצט א ברענענדיגע פראגע אין פאלעסטינא, וואו דער הייזער - מאנגעל לאזט זיך שוין שטארק פיהלען.

אט די אויפגאבע האט זיך געשטעלט דער "הבונה".

אין די מערב אייראפעאישע לענדער זיינען אזעלכע הייזער - בוי געזעלשאפטען גאר קיין חידוש ניט. דארום פארשטעהט מען זעהר גוט די באדייטונג פון אזעלכע אונטערנעהמונגען. די הייזער, וועלכע אזעלכע בוי - געזעלשאפטען קאנען אין זייער בוי - טעטיגקייט דערגרייכען, קאנען דערגרייכען יחידים נאר אין זעלטענע פאלען. דער יחיד, ווען ער בויט, איז ניט אלעמאל איינגעזאגט צו בויען זיין הויז אזוי ווי ער וואלט געוואלט, ווייל ניט אלעמאל האט ער די גענוגענדע נויטיגע מיטלען און אפילו דאס נויטיגע וויסען פון דער מאדערנער בוי - טעכניק. א געזעלשאפט, אבער, וואס טוט איהר ארבייט אין א גרויסען מאסשטאב, האט אין זינען אן אלגעמיינעם פלאן, קאן און מוז די בוי - ארבייט דורכפיהרען מיט א גרעסערע פארפאלקאמענונג און אין הסכם מיט די נייעסטע באקומעסטע טעכנישע אויפטוען.

אט די אויפגאבע האט זיך געשטעלט די "הבונה".

די "הבונה", וואס איז געגרינדעט געווארען אלס אן אקציאן - געזעלשאפט איז געשאפען געווארען צו דעם צוועק. דאס ערשטע, וואס ער האט בדעה צו טון איז, צו בויען א סעריע הייזער אין ירושלים, חיפה און יפו, וואו די באדערפניש איז אממעהרסטען גרויס. שוין יעצט איז פאראנען א באדערפניש אין טויזענט הייזער. לעת עתה טרעט זי צו צו בויען אין ערשטען יאהר, אנהויבענדיג אין מערץ 1921 150 הייזער. דער טיפ פון אט די הייזער וועט זיין אדנ'ז, איינציגע אייכנאהמען, איין שטאקיג. דאס בויען אזא מין הויז דארף קאסטען בערך טויזענט פונט. עס איז אבער דא א האפנונג, אז דער פרייז וועט קאנען רעדוצירט ווערען דורך דעם, וואס מ'וועט די מאטעריאלען קויפען אין גרויסע קוואנטומס פון דער ערשטער קוועלע. די הייזער וועלען געבויט ווערען אין די דערמאנטע דריי שטעט טיילווייז אויפ'ן חשבון פון דער געזעלשאפט, טיילווייז אויפ'ן חשבון פון געשלאסענע קאנטראקטען מיט פריוואטע פערזאנען.

דער סכום פון'ם קאפיטאל, וועלכען די "הבונה" פארמאגט איצט פון איינגעצאלטע אקציעס, באטרעפט 74,000 פונט: די אויספיהרונג אבער, פון די אנגעצייכענטע פלענער און דאס פארשאפען דעם נויטיגען בוי - אפאראט באדערפט א סומע פון 170,000 פונט. כדי צו זיכערען די ערפאלגרייכע דורכפיהרונג פון דעם בוי - פלאן, שטעהט איצט דער "הבונה" פאר'ן פראבלעם פון פארשאפען זיך דעם סכום פון 100 טויזענט פונט.

דאס וואס אין פאלעסטינא איז אין איצטיגען מאמענט ניטא קיין קרעדיט - אינסטיטוציעס, וואס וואלטען געקאנט אויסבארגען געלד אויף דער היפאטעק, שטעלט דעם "הבונה" אין א שווערע לאגע, ווייל די קונפטיגע אפצאהלונגען פון די הייזער, זענען ס'רוב אומשטאנד צו באצאהלען לעת עתה נאר בערך 50 פראצענט פון די בוי - קאסטען.

דער "הבונה" שטעהט אזוי ארום פאר דער אויפגאבע אדער צו געפינען מעהר קויפער פון זיינע אקציעס, אדער צו זיכערען דעם נויטיגען היפאטעק - קרעדיט. סיי דאס ערשטע, סיי דאס צווייטע איז פון אונטערנעהמערישען שטאנדפונקט א זאך, וואס האט די [illegible]. די לאגע אין פאלעסטינא איז אזוי, אז די פלאן - אייגענטימער זענען גרייט צו צאהלען פאר עס קרעדיט אויף א פעריאד פון 10 ביז 12 יאהר אבט מיט דריי פערטעל פראצענט יעהרליך. א גאראנטיע פאר עס געלד זיינען, חוץ די הייזער, וואס וועלען געבויט ווערען און דער פלאץ, אויך די פראפיגען פון דער געזעלשאפט.

דער היפאטעק - קרעדיט וועט זיין נויטיג אנהויבענדיג פון קונפטיגען מערץ, ווען די אייכנעצאהלטע ווערען לויט די געלט באדינגונגען, וועלכע עקזיסטירען אין די מערב - אייראפעאישע לענדער, מיט איין תנאי נאר, אז דער הויז - אייגענטימער מוז האבען דאס רעכט אויסצוצאהלען דאס געלד, וואס ער שטעהט אויף זיין היפאטעק צו יעדער צייט אין משך פון די 12 יאהר. נאטירליך, מיט א פר[illegible] מעלדונג אין דער פעהריגער צייט צו די בעלי - בתים.

דער "הבונה" האט שוין איינגעקויפט אלע נויטיגע מאשינען, כדי מעגליך צו מאכען אנצוהויבען אין דעם נייען בוי - סעזאן און מעהרן די גרויסע בוי - ארבייט. דער גאנצער אפאראט איז אזוי איינגעארדנעט, אז מען קאן דורך איהם בלויז מיט קליינע צוגאבען זעהר שנעל אויפבויען 600 הייזער אין דריי טערמינען. כדי צו באזארגען זיך מיט די נויטיגע שטיינער פאר א ביליגען פרייז, האט דער "בונה" ארגאנאיזירט אין ירושלים אין חיפה דעם "פאלעסטינישען - ברוך - סינדיקייט", וועלכע ארבייט אויף'ן מאדערנסטען שטיינער. דער קאפיטאל פון'ם סינדיקייט באטרעפט 20,000 טויזענט פונט, אין וועלכען דער "הבונה" האט אריינגעלייגט 5000 פונט, באקומענדיג דאס רעכט פון דער גאנצער קאנטראל איבער דער אונטערנעהמונג.

דער "הבונה", וועלכער הויבט אן זיין טעטיגקייט אין דער יעצט אזוי וויכטיגער צייט פאר דער אויפבויאונג פון פאלעסטינא, האט די פארזיכערונג פון די נאטיאנאלע שטיצונג פאר זיין אונטערנעהמונג מצד דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ווי אויך מצד דעם אויבערשטען נציב סער הערבערט סעמיועל.

עס שטיצט זיך אויף גרעסטע קאמערציעלע אונטערנעהמערישע יסודות, וואס גיבען דעם גרעסטען שאנס אויף א פארשטענדיגען [illegible] אין [illegible] אלס עיקר די ווי [illegible] באוואונג פון ארץ - ישראל וואס ליגט נאהענט צו יעדען אידיש הארץ, איז אהן ספק, אז דער "הבונה" וועט געפינען א טאטקרעפטיגע פינאנציעלע אונטערשטיצונג פון די אלע, וואס קאנען זיך מיט דער ראזנער פינאנציעלער און גלייכצייטיג נאציאנאלער ארבייט פאראינטערעסירען.

היימלאנד און בוך-לאנד

(פארזעצונג פון פיידזש 4.)

צו דער ארבייט די ארבייטער - קרעפטען, וועלכע זיי וועלען געפינען אין ארץ - ישראל און רופלענדער אידען.

די ערדיכטונג פון דעם "בית הספר ירושלים" איז [illegible].

אכצעהן הונדערט יאהר און מעהר איז "דאס בוך" געוועזען דאס גייסטיגע היימלאנד פון דעם אידישען פאלק. און קיין לאנד אין דער וועלט — ניט אפילו ארץ - ישראל — קען ווערען דאס פיזישע היימלאנד פאר'ן אידישען פאלק, אויב עס זאל ניט צו גלייכער צייט ווערען אויך דאס אידישע בוך - לאנד.

עקזימא

איר מאכט קיין עקסעמא [illegible] ווען איר געברויכט דר. [illegible] זאלב פאר עקזימא און הויט קראנקהייטען. עס פארלייכטערט מאמענטאל און היילט [illegible] די הויט. [illegible] באקס פון דר. [illegible] זאלב פריי אויב איהר דערמאנט דיזע צייטונג. [illegible] 2 סענט סטעמפ פאר פאסטעדזש. 60 סענט א [illegible] ביי אלע [illegible]

ווער איז משוגע?

פון שלמה האלפערין.

— ווי אלט איך בין? פרעגט איהר. אין און פערציג!

וואס? איהר גלויבט מיר ניט? איך זעה אויס פיעל עלטער? דער קאפ גרוי, דער פנים געקנייטשט, דער רוקען איינגעבויגען. איך ווייס! איך זעה אויס ווי פון א יאהר זעכציג!

אזוי איז דאס לעבען מיין פריינט! אט ביסטו יונג, שעהן און געזונד און אט ווערסטו מיט אמאל פארעלטערט!

— פון וואס בין איך אזוי אלט געווארען פאר דער צייט?

אז איהר וועט מיר צוזאגען, אז איהר וועט מיך ניט האלטען פאר א משוגענעם, וועל איך אייך דערצעהלען.

"איהר פארשטעהט? אלע מענשען האלטען מיך פאר א שטיקעל משוגענעם, דערפאר גלייך איך ניט צו רעדען מיט זיי..."

איך האב מיין וואגאן־שכן פארזיכערט אז איך וועל עס קיינמאל גאר ניט דערקען. כאטש אין אמת'ן האב איך איהם שוין פארדעכטיגט צו זיין אביסעל א צודרעהטער.

— אלזא! פון וואס איך בין פארעלטערט געווארען? פון א שמייכעלע!...

שוין א יאהר צוועלף די געשיכטע. איך בין דאמאלס געווען דער הויפט מענעדזשער פון א גרויסער שוך פאבריק.

איך האב איינמאל אדווערטייזט נאך א טייפרייטערין.

ווי נאר איך האב זי דערזעהן מיט איהר שמייכעלע האט מיר דאס הארץ געזאגט, אז זי וועט מיר קיין נחת ניט ברענגען.

— האט איהר פארלאנגט א גוטע טייפרייטערין? האט זי שמייכלענדיג זיך געווענדעט צו מיר.

— יא! האב איך געענטפערט. — איך פערלאנג נאך יעצט אייך.

— עקסקיוז מי! איצט פארלאנגט איהר שוין ניט מעהר, ווייל איך בין דא!

האט זי גענומען אויסטאן איהר הוט און מאנטעל און שמייכלענדיג זיך געמאכט היימיש.

א מאדנעם שמייכעלע האט זי עס געהאט.

זי איז ניט געווען קיין שעהנע! קיין אויסערגעוועהנליכע אבער! נאר דאס שמייכעלע! דאס איז געווען אזעלכעס וואס די האסט געמוזט זיך דערויף אפשטעלען.

— איהר טראכט שוין אוודאי אז איך בין משוגע? — האט מיין שכן פארדעכטיגט זיך געווענדעט צו מיר.

"חלילה! חלילה!" האב איך איהם בארוהיגט. "דערצעהלט ווייטער, דערצעהלט."

— אין צוויי טעג ארום האב איך באמערקט אז זי האט צוויי קלוגע אויגען, געהרייזעלטע האר און א בויגעגען קערפער.

נאך אין צוויי טעג ארום האב איך געדענקט אז זי איז שטארק סימפאטיש. אין א וואך ארום האב איך באמערקט אז זי איז א שעהנע און איך האב זיך געוואונדערט וואס איך האב עס פריהער ניט געזעהן.

זי האט שוין דאמאלס געוואוסט אלע מיינע אנגעלעגענהייטען גלייך ווי מיר וואלטען זיך שוין געקענט פון יאהרען.

אלעס האט זי געמוזט וויסען! צו נעמען? איך מיין פרוי, צו איז זי א שעהנע און צו האט זי א גוטען געשמאק אין קליידונג, און צו איז זי א גוטע קעכין. און צו שטעהט זי אויף גאנץ פריה מיר מאכען מיין פריהשטיק און קורצען, אלעס האט זי געדארפט וויסען.

און טאמער האב איך זיך אפגעהאלטען פון צו ענטפערען אזוי האט זי זיך צושמייכעלט...

א גריבעלע פלעגט זיך באוויזען אויף איהר לינקער באק ווען זי האט געשמייכעלט... און איך האב אלעס געענטפערט!

— איהר מיינט אפשר אז איך האב זי ליעב געהאט? האט איהר א טעות! פארקעהרט! איך האב איהר דערצעהלט אז איך האב א טייערע ליעבע פרוי און אז איך האב זי ליעב און אז איך בין גליקליך!

נאר זי האט אלעס אויסגעהערט און געשמייכעלט.

נאך אין א וואך ארום האב איך איהר א קוש געטאן!

דאס איז אויך געשעהן עפעס אזוי אומשולדיגער ווייז.

איך האב דאמאלס געהאט פארבראכט א גאנצע נאכט אויף א באל בין איך געקומען אין אפיס אן אויסגעמאטערטער, א ניט דערשלאפענער, שפאר איך מיך אזוי צו אויף מיין דעסק און ווער איינגעשלאפען.

איך געדענק ניט וואס מיר האט זיך געחלומט, נאר עפעס האב איך געפיהלט ווי א זיסע ווארימקייט צוגעהט זיך מיר אין מיין גאנצען קערפער, עפעס ווי א ווייבער פליוש וואלט מיר געגלעט מיין פנים. ווען איך האב געעפענט די אויגען האבען איהרע גאלדענע האר מיר געגלעט מיין שטערען, איהר אטעם האט מיט א ווייבער ווארימקייט געבלאזען אויף מיינע ליפען. איהרע ווייסע פינגער האבען קוים בארירט מיינע אקסלען.

— מיין הער! ענטשולדיגט... האט זי אנגעהויבען שטאמלען.

נאך איידער זי האט צייט געהאט עפעס ארויסצורעדען האב איך זי ארומגענומען און א קוש געטאן...

דאס אלעס איז געשעהן נאך כמעט ווי אין שלאף. און ווי נאר איך בין געקומען צו זיך, האב איך זיך פארשעהמט און אנגעפאנגען זיך צו ענטשולדיגען.

"איהר דארפט זיך ניט ענטשולדיגען!" האט זי מיך איינגעקלאמערט אין איהרע ארימס. "איך ליעב אייך און איהר מיך אויך!"

— לאזט אפ! האב איך זיך געבעטען ביי איהר. איך האב א פרוי!...

נאר זי האט גאר ניט געהערט.

ווי מיט אייזערנע צוואנגען האט זי מיך געהאלטען אין איהרע ארעמס און ווי א הונגעריגער וואלף האט זי זיך איינגעביסען אין מיין לייב...

— און איהר מיינט אפשר אז איך האב זי ליעב געהאט? חלילה!

און ווי האב איך זי געקאנט ליעב האבען? אז איך האב גאר ליעב געהאט מיין פרוי! איהר פארשטעהט?

פון דאמאלסט אן האט זיך פאר מיר אנגעהויבען א סדרה פון ליידען, שלאפלאזע נעכט, געוויסענסביסע, איהר פארשטעהט?

ביז איינמאל האב איך איהר ערקלעהרט, אז איינמאל פאר אלע מאל עס מוז נעהמען אן ענדע. מיר מוזען זיך צושיידען!

זי האט זיך צושמייכעלט.

צו וואס זיך שיידען? איז איך ניט אנגענעהם מיין אנגעזעהנהייט? מאך איך אייך עפעס קאליע? טו איך ניט מיין ארבייט ריכטיג? פארלאנג איך עפעס פון אייך? נאר אז איהר ווילט דווקא איך זאל געהן וועל איך אייך פאלגען. אט נעהם איך מיין מאנטעל און געה.

זי איז אוועק אין גארדעראב צימער נאך איהר מאנטעל און איך בין געבליבען זיצען א פארחלומטער.

עפעס האב איך יא געוואלט זי זאל געהן און עפעס ניט געוואלט. איהר פארשטעהט?...

ניט דערפאר חלילה וואס איך בין געווען פארליעבט אין איהר? נאר גלאט אזוי, איהר פארשטעהט?...

אין צעהן מינוט ארום איז זי צוריק געקומען אין אפיס נאך אנשטאט צו זיין אנגעטון, איז זי גאר געווען האלב אויסגעטון...

איהרע ברוסטען האבען זיך כמעט ווי אינגאנצען ארויסגעשפיגעלט פון דער האלב אפענער בלוזע. איהרע באקען האבען געפלאמט ווי צוויי רויזען. די אקסלען האבען פיבעריש געציטערט, די ליפען האבען געצוקט און איהרע אויגען האבען ווי אפגעשפיגעלט ליעבע, טרויער און פארצווייפלונג.

— פארטרייבט מיך ניט! איך בעט אייך, איז זי ארויפגעפאלען אויף מיר.

פארטרייבט מיך ניט פון אייך. אלענפאלס ביז מיין חתן וועט צוריקקומען פון סאוט אפריקא, דאמאלס וועלען מיר זיך צושיידען ווי גוטע פריינט —

איהר הערט א מעשה? זי האט גאר א חתן אין סאוט אפריקא! און זי ווארט ער זאל קומען צו איהר.

און דא האט זי מיך לעת עתה ליעב! ביילא, האב איך איינגעוויליגט!

און אין דער אמת'ן וואס האט עס מיך געדארפט ארען? נאך אלעמען, ליעב געהאט האב איך זי דאך ניט!

— וואס? איהר שמייכעלט שוין? האט זיך מיין שכן געווענדעט צו מיר. — איהר גלויבט מיר ניט? אויב אזוי געה איך שוין אוועק פון אייך —

— חלילה, חלילה! — האב איך געמאכט אן ערענסטע מינע. — דערצעהלט, דערצעהלט! איך גלויב אייך אין אלעס".

מיין שכן האט פארדרייט א סיגארעט, א זופ געטאן און ווייטער דערצעהלט: א פנים אז דער חתן האט מיך דערהרגעט! דער "חתן" איז ווי א ווארעם מיר אריינגעקראכען אין מח און האט אנגעהויבען טאטשען.

איך ווייס נאך ער היום ניט, וואס האט עס מיך גענארט? איך האב זי דאך ניט ליעב געהאט! טו פארוואס זשע בין איך געווען אייפערזיכטיג?

און איהר מיינט אז נאר צום חתן בין איך געווארען אייפערזיכטיג? צו יעדען! איז נאר אריינגעקומען א מאן און זי האט צו איהם א שמייכעל געטון אזוי האט עס מיך געשטאכען ווי מיט נאדלען. איך האב מיט דער צייט אנגעפאנגען צו האסען אלע מענער!

איך בין געווארען אונהעפליך צו אלע קונדען. איך פלעג זיי ממש פארטרייבען פון אפיס.

זי האט עס באלד אויסגעפונען און האט גענומען גיסען [illegible]. זי פלעגט מיט יעדען מאן [illegible] צום עקלען. זי האט מיך [illegible] צום וואנזין.

איך האב זי אנגעפאנגען צו [illegible] און מיט יעדען שמייכעל וואס זי [illegible] אוועקגעשענקט א [illegible] איך זי מעהר געהאסט.

און וואס מעהר איך האב זי [illegible] האט אלץ ברענענדיגער איז [illegible] מיין אייפערזוכט. איהר [illegible] און אלץ אינגעטרענגליכער זיינען [illegible] רען מיינע באהאנדלונגען צו [illegible]

— — — — — —

— וואס דער סוף איז געווארען [illegible] אויף אלע אונזערע שבועות [illegible] געווארען!

מען האט מיך פון מיין שטעלע [illegible] זאגט! און זי האט מיך, מיט א [illegible] ליש־טריאומפירענדען בליק באגלייט [illegible] דער טיר...

פון דאמאלסט אן האב איך [illegible] הויבען צו פארלירען מיין געזונד [illegible] דאס איז פון מיר געווארען. ווי [illegible] קוקט מיך אן!

"און וואס איז געווארען" דער [illegible] פון איהר מיט'ן חתן? — האב איך מיין העלד א פרעג געטון.

— דער חתן איז ניט געקומען [illegible] און זי האט חתונה געהאט מיט דעם בוק[illegible] האלטער פון דער זעלבער פירמע. וואס ווייטער איז געשעהען ווייס איך ניט, ווייל איך האב באלד פארלאזט די שטאדט.

— א ווירקליכע טראגעדיע! האב איך אויסגעדריקט מיין מיטלייד צו מיין שכן. — וואלט איהר ניט געווען [illegible] הייראט וואלט איהר אודאי חתונה געהאט [illegible] מיט אייער געליעבטער און וואלט געווען גליקליך.

— וואס מיינט איהר? מיט מיין [illegible] ליעבטער? האט זיך מיין שכן [illegible] אביסעל צובייזערט. — איך [illegible] אייך אז איך האב זי גאר קיינמאל [illegible] ליעב געהאט!

— עט! דאס זאגט איהר גאר [illegible] — האט זיך ביי מיר ניט ווילענדיג [illegible] געכאפט.

— אזוי! זענט איהר דאך [illegible] גלייך מיט אלע משוגעים! איהר [illegible] שוין באלד זאגען אז איך בין א [illegible] ריקטער! — און מיין בחור איז [illegible] רען היינט זיינע אויגען האבען [illegible] שיסען מיט פייער, פון זיין מויל [illegible] אנגעהויבען צו רינען [illegible] נשמה איז מיר שיעור ניט ארויס[illegible] גען פון שרעק און איך האב גענומען [illegible] ארומקוקען צו זענען נאך פאראן [illegible] אין וואגאן. עס האט מיר ניט [illegible] פען קיין ש'ום פארענטפערען זיך.

— איהר זענט א משוגענער! — האט ער גענומען שרייען. ער האט האסטיג פארכאפט זיינע פעקלאך און איז [illegible] שוואונדען געווארען!

"אז די וועלט זאגט משוגע, איז ניט [illegible] אומזיסט"... האב איך ביי זיך [illegible] טראכט.

מזרחי נייעס איבער דער גאנצער וועלט

די חלוצים באוועגונג אין ארץ - ישראל.

פון ארץ - ישראל איז מען [illegible] מודיע, אז דער צאהל חלוצים, וועלכע קומט דארט אן זעהר [illegible], אין זעהר גרויס און אז בערך 20 פון די אלע אנגעקומענע חלוצים זיינען מזרחים.

קיינמאל האבען נאך אזוי פיעל [illegible] ארטאדאקסישע חלוצים ניט אימיגרירט נאך ארץ - ישראל. עס קען [illegible] בעגט ווערען. אז דאס רעליגיעזע [illegible] רענטום וועט האבען זעהר א גרויסע השפעה אין ארץ - ישראל און א גרויסען חלק אין בנין הארץ.

דער מזרחי אין ארץ - ישראל האט מיט דער הילף פון דער אמעריקאנער מזרחי ערעפענט צוויי אימיגראציאנס צענטראלען, כדי צו העלפען די חלוצים ניט נאר מיט עצות, נאר [illegible] פראקטיש מיט טאטען און הילף. דער מזרחי האט אויך פאר זיין [illegible] ביליגע קיכען און אכסניות און האט מתחיל צו געפינען די [illegible] בייט פאר די חלוצים. ביז [illegible] ארבייט, אבער ווערען זיי אויס[illegible] מיט אלע זייערע באדערפניסען.

[illegible] פון די ערשטע צייט פון [illegible] אנקומען שטיצט זיי דער מזרחי [illegible] מיט אלעם, אין וואס זיי נויטיגען [illegible]

די צוויי אימיגרישען צענטראלען געפינען זיך אין ירושלים און [illegible] בערך 300 מזרחי חלוצים זיינען [illegible] באשעפטיגט אין פארשידענע ארבייטען אזוי ווי: ערד - ווירטשאפט און [illegible] שידענע אנדערע ארבייט.

אברהם לעווין ז"ל.

לעצטענס איז נפטר געווארען [illegible] ארץ - ישראל איינער פון די [illegible] המזרחים אברהם לעווין ז"ל אין [illegible] פון 75 יאהר. דער פארשטארבענער געווען איינער פון די ערשטע [illegible] זיינע מעהרסטע יאהרען [illegible] ווידמעט צו ציוניסטישע ארבייט, [illegible] אין סאראטאוו און נאכהער [illegible] בערך מיט א 10 יאהר צוריק [illegible]

(פארזעצונג פון פיידזש [illegible])

גיט דיא קינדער
קריסקאָ אמכלים

מאכלים געמאכט מיט קריסקאָ האבען א גוטען טעם און א גוטען אויסזעהן. אבער א חוץ וואס זיי זעהען גוט אויס און שמעקען זעהר גוט זיינען זיי לייכט צו פערדייהען.

קריסקאָ קייק, קיכלאך, אייער־בייגעלעך און אנדערע געבעקס וואס זיינען געמאכט מיט קריסקאָ זיינען גוט פאר קינדער ווייל קריסקאָ איז אן אבסאלוט ריינער פראדוקט. עס איז דער קרים, דער תמצית פון פלאנצען (וועדזשעטייבל) אויל און איז געשאפען געווארען דורך דיא ענטדעקונג פון דעם וויסענשאפטליכען "קריסקאָ פראצעס".

קריסקאָ

דער כשר'ער און פארעווער פעט
צו פרעגלען און צו באקען

מאכט אלע געפרעגעלטע מאכלים געשמאקער און געזינדער. קייקס געמאכט מיט קריסקאָ זיינען רייך און געשמאק—אזוי וויא דיא בעסטע קייקס וואס זיינען געמאכט אויף פוטער.

CRISCO
For Frying For Shortening For Cake Making

קריסקאָ איז כשר און פארעווע און מעג גענוצט ווערען סאי מיט פליישיגס און סאי מיט מילכיגס.

א הכשר געפינט זיך אויף יעדע קאן.

צו בעקומען אין אלע גראסערי סטארס.

...פאראנטער נעגריבעט
...פון אוקראינע.

...ענטער פאר א מזרחי ארגא- ...אין אוקראינע איז לעצטענס גע- ...עווארען אין קיעוו. אן שפיצע ...די עטליכע ארגאניזאציעס ...דער באוואוסטער הרב חיים וועלד

מאגעלאוו, אומאנער וועמעס פיהרער- שאפט עטוויקעלט זיך דער מזרחי זעהר שנעל און געווינט א גרויסע פאפולאריר- טעט און פיעלע אנהענגער. מזרחי אגודות ווערען געגרינדעט אין פיעלע שטעט אין אוקראינע און זיי זיינען מעטיג אין דער מזרחי באוועגונג.

...ר ערשטער קאנפערענץ פון
...טענדער מזרחי פעדעראציע

...ם 2 אוהר נ. מ. עפענט זיך די ערשטע ...יצונג אין פרינץ-דזשארדזש האטעל

...נטאג דעם 12-טען דעצעמבער

...ם 8 אוהר אווענט וועט שטאטפינדען

א מאס-מיטינג

אין יוניווערזיטי עוועניו שוהל

...מיט די הויפט צוויי גדולים רעדנער. דער נשיא פון אמעריקאנער מזרחי, ...ער באוואוסטער

רבי מאיר בערלין

...ון דער אקארשט אריבערגעקומענער גדול פון ווארשא, דער פיהרער און ...עמאל סעקרעטאר פון דער פוילישער מזרחי ארגאניזאציע, דער בא- ...וואוסטער וועלטענער רעדנער

רבי זלאטניק

...ערפעהלט ניט דיעזע געלעגענהייט און קומט אין מאסען צום מאס-מיטינג.

---

2 סענט ביליגער אויפ'ן פונט 2 סענט

ביים באוואוסטען ווורשט מאנופעקטשורער

אליהו דאלגין

פון דער ווארשאווער כשרה ווורשט פעקטארי.

די בעסטע און כשרסטע ווורשט גאראנטירט פון די בעסטע לייט. מיר פארקויפען יעצט מיט צוויי סענט ביליגער אויפ'ן פונט צו אונזערע נייע און אלטע קאסטומער. פרעגט דעם פרייז ביים טעלעפאן אדער ביי נעמער

אונזער אדרעס 671 ריטשמאנד וועסט טעל. עדלייד 2658

ארדערס דעליווערט איבעראל

שעכטער

אפיס איז אפען יעדען טאג
פון 9 ביז 9.

...ריעל עסטייט אינשורענס ...מערידזש לייסענס, טיקעטס, רייפערס, נא... ...שליכע דאקומענטען און אויך גענעראל ...אגענטען פאר אלע אידישע ציטונגען. ...פון לאנדאן, ברענטפארד, סענט קעטהערינס, ...נאלי, ראגראם און האמילטאן ...אדווערטייזמענטען פאר'ן „זשורנאל" ווערען ...אנגענומען לויט דעם אפיס פרייז

אפיס 636 [illegible] סט. אוסט. טע- לעפאן [illegible] 127

...ויז 65 איסט אוו. נארטה. טעלע- ...אן [illegible] 5589

James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licenses

[illegible] וולאדאווסקי

...אנגעזעהענער, ריין און פראקטיש

אלס מוהל

...אלע עלטערען פון קינדער זאלען ...אנקומען און אנגעשטעלט ווייל דאס ...איז אונזער אויפגאבע בענעפיט. ...לייט קענען, מיר אויך רופען ...צו אייערע שמחות. ...וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו און ...טעלעפאן קאלעדזש 1076.

...ענט, רעליעבלע און בעסטע ...קאמפאניען פאר אינשורענס ווענ- ...דט זיך צו:

פ. ליוואי
...שפעשל לייף אינשורענס
אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. ...

אויפמערקזאם!

צו אלע שטאדט און קאנטרי פעדלערס און דילערס אין דזשאנק

מיר קויפען אלעדינג און דזשאנק. מיר זיינען אנפאנגער דא אין שטאדט און צאהלען די העכסטע פרייזען.

גוטע באהאנדלונג ... קיין ווארטען!

קומט און איבערצייגט אייך.

The United Mill Stock and Metal Co.
59 Frederick St. Toronto
איין בלאק פאר שערבארן סטריט

זשורנאל האל

דער „זשורנאל האל" איז צו פארדינגען פאר פארזאמלונגען, לעקציעס און עהנליכע אונטערנעהמונגען

דער „זשורנאל האל" האט פלאץ פאר 300 מענשען

ווענדעט זיך אלע איינצעלהייטען אין „זשורנאל"

אפיס—251 קוויז סטריט וועסט

ווער געהט חתונה האבען?

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון דרעס, טאקסידא און פראק סוטס. צו פארדינגען צו די ביליגסטע פרייזען.

פרימאן ברידער 571 יאנג סטריט

טעלעפאן נארט 3270

קויפט אייערע קוילען פון

יאנאווער בראדערס

וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קוילען מיט ראזשערס טיקעטס

268½ קווין סט. וועסט טעלעפאן עדעלייד 3766

ווערט א לעזער פון אידישען זשורנאל

לעזט אייער טעגליכע ציטונג וועלכע באקאנט אייך מיט דעם וואס עס טוט זיך ארום אייך

לעזט יעדען פריהמארגען אויסער די אידישע נייעסען פון דער גאנ- צער וועלט וואס ערשיינען אין „זשורנאל" מיט דריי טעג פריהער ווי אין אנדערע ציימונגען. אויך נייעס פון אייער אייגענער שטאדט און פון אנדערע קאנאדער שטעדט און שטעדטלאך ארום אייך, און פון איבער'ן גאנצען לאנד.

לעזט אין „אידישען זשורנאל" די וויכטיגסטע נייעס ארויסגענומען פון די פויליש - אידישע ציימונגען וואו דער „זשורנאל" גיט איבער אלעס וואס עס פאסירט אויף יענער זייט ים. וואו איהר זענט אזוי שטארק פאר- אינטערעסירט.

לעזט אונזערע נייעסען און פאסירונגען וואו איהר געפינט דאס אינטערעסאנטסטע וואס עס קומט פאר אויף דער גאנצער וועלט

לעזט אונזערע קארעספאנדענציעס פון פוילען, וועלכע ווערען ספע- ציעל געשריעבען פאר'ן „זשורנאל" וואו עס שפיגעלט זיך אפ דאס פויליש- אידישע לעבען.

לעזט יעדען מיטוואך אונזער פיטשור „די ביהנע" וואו איהר גע- פינט אלע מאל עטוואס נייעס וועגען טעאטער, ווי אויך וועגען דעם וואס מען שפיעלט אין אונזערע שטאדטישע טעאטערן.

לעזט דעם „זשורנאל" יעדען טאג, און זייט זיכער אז איהר לעזט קאנאדעס אידיש - נאציאנאלע ציימונג, וואס איז פאראינטערעסירט צו געבען איהרע לעזער אלעס וואס אין קאנאדע פאסירט.

ווערט א לעזער היינט אויב איהר זייט עס נאך ניט

HIPPODROME

די וואך פון 6-טען דעצעמבער
די בעיאליטעס. בענדער און מיחען.
מעררי און קלעיר.
ספעשעל פאטא פיטשור.
פּרייל ווהיט אין
„דער יונגער טיגער."
ווערט געוויזען 1.20, 4.15, 7.45.
עדי טענער און קאמפ.
גאלגהער און קלעיר.
נעקעי דזשעפס.
פאנשאן קאמעדיע.

פארס פארס

א גרויסע רעדאקשאן סייל

פאר עלעקטריק לייזעב קאוטס, טרימד מיט ביבער און אפאסים

סייל פרייז $150.00

וואלפי סעטס און רוימע פאקסעס.

סייל פרייז $20.00

סייל פאנגט זיך אן
דאנערשטאג דעם 9-טען דעצעמבער
ביז דעם 11-טען דעצעמבער

סלאסער פאר קא.

324 ספעדינע עוועניו

הערט א מעשה

א מאן זאגט אז ער איז דער גרעס- טער אידישער קינסטלער וואס טא- ראנטא האט ווען אמאל געהאט. ער זאגט, ער פיקסט, אלערליי מא- שינערי, גראמאפאנען, סקיילס, שלע- סער, נייע -שליסלען, בייבי קע- רעדזשעס, אייזערנע פענסעס, אדער טירען, סטאוום ריפיירט און נעני- קעלט און קאנעקט. ספעשעל אין זטאווס וואס באקען ניט. פארשידענע ארטיקלען פון שטאל, אייזען, אדער מעטאלען.

ש-ש-ש-ש —לאכט ניט, נאר טרייט און איבערצייגט אייך. הונדערטער האבען שוין געטריים און זיי זיינען זעבסט צופריעדען, און דאס איז

ז. שלייפער 9 קענזינגטאן עוו.

טעלעפאן קאלעדזש 6621.

פאבראנייט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאניע

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פריי- זען. מיר מאכען קאנטראקטען מא- נאטליך און יעהר- ליך. 10 טעראלי סטריט, טעלע- פאן ארעל. 8087

אונזערן און יום טובים טעלעפא- נירט קאל. 5619.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY. 10 TERAULEY ST.

חתן כלה

זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס

קאן מען קריגען
אין אפיס פון

אידישען זשורנאל

[illegible]

251-253 קווין וו.

פארלאנגט

פארלאנגט פעדלער צו פארקויפען דעם „אידישען זשורנאל" יעדען פרייטאג נאכמיטאג. נאכצופרעגען א נאכמיטאג אין „זשורנאל" אפיס.

דזשיי וו בראדי און קא.

בארריסטער, סאליסטער, נאטערי און א. א. ה.

אפיס אין 710-711 טעמפל בילדינג. טעלעפאן ערעלייד 3086.

פעקטאר און שולמאן

לאיערס

309 לעמסדען בילדינג. טאראנטא.
8 עדלייד סטריט איסט קארנער יאנג סטריט.
טעלעפאן מיין 4359.

לואיס ס. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישאנער פאר אלע פראווינצען פון 9 ענערע.

לאא אפיס 154 סימקא סטריט.

טעלעפאן עדלייד 1440 וואיננג. 483 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן עדלייד 1441 טעלעפאן קאלעדזש 4866.

דזשיי. דזשיי. גלעס

לאיער און נאטארי פאבליק

(פון דער פירמא עלדזשי און גלעס)

אפיס רום 34 אימפיריעל בענק בילדינג קארנער יאנג און קווין

טעלעפאן ארלייד 6089 רעזידענץ טעלעפאן פארק. 960

דר. א. ל. הימעלשטיין

דענטיסט

ראמיניאן באנק בילדינג קארנער מיקאל אה, דאנדעס סטריט. טעל. 6441.

דר. ה. דייווידסאן

דענטיסט.

אין דער נייער ראיעל בענק בילדינג

קארנער דאנדעס און טשעסטנאט טעלעפאן עדלייד 1789

דר. ב. ברעגמאן

דענטיסט

בעסטע ברידזש ארבייט פאר מעסיגע פרייזען.

544 קווין סטריט וועסט, איבער הופערס דראג סטאר, טאראנטא.

טעלעפאן קאלעדזש 9610.

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטיומערס

ארדערט קוילען יעצט און ווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט. ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.

THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

טאראנטא כשר ווורשט און פיש סמאוקינג מאנופעקטשורינג

מיר מאכען באקאנט אז איהר קענט ביי אונז באקומען צו יעדער צייט גע- סמוקטע פישען, אויך מאכען מיר די בעסטע ווורשטען און פאסטרא- מא. מיר קויפען נאר כשר'ע פליישען פון די אידישע קאלמיילער. די שטרענגסטע כשרות לויט די אויסשטענדען.

ארדערס ווערען פינקטליך דעליווערט. קאנטרי ארדערס דעליווערט און א דאלאר און העכער.

גיט אונז א טרייעל און איהר וועט דאן בלייבען אונזער שטענדי- גער קאסטומער.

משה דייוויס

266 פארלאמענט סט. טעל. מיין 909

דער זיכערער וועג צום ערפאלג?



Prof. Michael Angelo

זיכער! דער בעסטער וועג צו האבען ערפאלג איז אנפאנגען לערנען ביי א גוטען לעהרער. באַ- טראכט דאס נאר גאנץ גוט! און קומט צו פרא- פעסאר מייקעל אנזשעלא נאך מוזיק לעקשנס פאר אייך אדער אייערע קינדער. איהר וועט אויסגע- פינען אז מר. אנזשעלא'ס סיסטעמע און ערפאה- רונג אין לערנען וויאלין, מאנדאלין, קארנעט, סאקסאפאן, אדער אירגענד וועלכען אנדערען אינסטרומענט וועט אייך פיהרען צו א זיכערען ערפאלג. מיין מאטא איז: „א גוטער מוזיקא- לישער אנפאנג" און דאס איבעריגע איז לייכט. בארינגונגען זעהר מעסיגע.

סטודיא 450 ספעדינע עוו. טעלעפאן קאל. 17